1750-1800
Technique of defamiliarization

רענדל = 20 גילדן

# דער רענדיל

דאס איזט איינע זייער שיינע ערציילונג וואש איין רענדיל ערציילט פון זיך: ווי אזוי עס האט זיך פאסירט מיט איהם פון זיין געבורטסטאג אן. וואס וואר אין יאר זיבען הונדערט פופציג ביז דעם יאר טויזענט אכט הונדערט גלייך. ער דר ציילט אלע זיינע אומגליקען וואס ער האט אויס גישטאנען איינע נסים וואש מיט אים איז גישעהען: אונ דורך וועלכע הענד ער האט זיך דורך גיקייקעלט: אונ ווא ער שטעקט איצונד: אונ פערזיכערט צו גלייך צו דער ציילן אין אצווייטען ספר פון זיינע איבעריגע יארין דען ער לעבט נאך עד היום:

ווילנא
שנת תרכ"ז לפ"ק

ДЕРЪ РЕНДЕЛЬ
т. е. исторія одного Червонца.
ВИЛЬНА.
въ типографіи Р. М. Ромма. 1867.
На Жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ подъ №№ 327 и 328.



ווילכע יענע געבעך אלע זיינען נידון געווארן לשרפה: אט אזו איז צו זעהן א פראקטיקע אין דר וועלט דאס מען ווערט גראה אמאל בנצול דורך אחתון אונ דאס וואר דעם ערסטען מאל אין מיינם לעבן דאס איך האב זוכה גוועזן ארין צו טרעטן אין גבירעשע הויז מען האט זיך מיט מיר אונ מיט מיינע איבעריגע גיזעלין געשפיגעלט אונ גיפרייט אונ גראדע יענע וואס האבן פון מיר גילאכט בשעת איך בין ערב יום כפור גילעגן אויף דעם טעלער האבין מיך איצונד געוואונדערט: אונ האבין קוים זוכה גוועזן דאס איך זאל קושען חאצבי אויף אוויילע צו זיי אין האנט:

נון גילובט איז זיין ליבר נאמען דה ווילע בין איך אין אגאנץ גוטע שטעלע איך האב מיך ניט וואס צו בקלאגין וואס ווייטר וועט זיין ווייס איך ניט מען שטראפעט אונז אפילו אונ מען זאגט דאס אונזר פרינצעפאל פעהלעצט אפט זיינע זילבר מען נעמט אונז דאך ביי דעם מלוה אויף אין קאשע ניט אויף עסין דר ווילע האב איך דורך גימאכט אשטיקעל וועלט אונ האב אין גזעהן דאס די ערליכקייט איז גאנץ זעלטין דא אויף דר ערד נון בין איך דאך ערשט אלט פופציג יאר ניט אייביג וועל איך אין דעם בעכר שטעקן: איך וועל מיך נאך ווייטר אין דר וועלט ארום זעהען אונ דאן וויל איך דיר דאס איבעריגע אויך דער ציילין: נון אדיע מיינע טייערע לעזערין: מערקט מיט רעכט דיזען קליינם ביכעלע רעכינן נור פר איין ערשטן טייל פון מיין לעבנם געשיכטע דען איך האף נאך צו שרייבן אונ צו שרייבן דען וועלכער וואנדערער קען דיא וועלט זאגן אזו גרונטליך אונ גיך: ווי איך: אייבער אונ אקליינער:

## דער רענדיל דער ציילט זיין לעבענס געשיכטע פון זיין געבורט ביז דיזען טאג :

אנכי נולדתי איך בין געבארין געווארין אין דעם יאר 1780 אין דער הויפט שטאט האאג וואס איז אין נידער לאנד אונ איך וואר ביא מיינער געבורט זייער געזונד אונ זייער רויט · אונ אויף מארגין האב איך שוין אן גיהייבן צו גיין אונ עס וואר פאר מיר פריא דיא גאנצע וועלט אונ אלע לענדר פונקט וויא אין יענע צייטין פון דעם דור הפלגה אדער טורעם בויער וואס די גאנצע וועלט האט דאן גירעט איין שפראך אונ האבין גיהאט נור איין גלויבין אדר גאר קיין גלויבין · דען יעדער האט מיר אויף גינומען פריינדליך וויא איין אלטין באקאנטין אדער וויא איינעם ערווינצטין גאסט · אונ איך האב געמיינט ווירקליך דאש די גאנצע וועלט זיינען נאר קינדר פון מיין פאמיליע אונ לעבין אונטער זיך וויא פערטרויטע ברידער דען איך וואר פון יעדען זייער ברידערליך בעהאנדילט · נון האב איך דרפון גאנץ ריכטיג גישלאסין ווען יעדער איזט מיינע אברודער · דא מוזין זייא שוין פערגיווים אלע אונטער איינאנדער ברידער זיין :

דאך דיזער גליקליכר מעות האט ניט לאנג גידויערט ביא מיר דאס הייסט מער ניט וויא אכט טעג : דען אויף דעם אכטין טאג האט מען מיך געאידעשט דאש הייסט בעשניטין נון האב איך אבגיקריינקט דער פון עטליכע וואכין · איך בין געלעגין שטארק צו בעט · אונ איך האב ווירקליך גימיינט דאש איך וועל דורך דיזער בלוטיגע אפעראציאן ווערין אבעזדעטניק · פיליכט וואונדערט זיך דאריבער מיין לעזער וויא קומט איין

הענדי

Дозволено Ценсурою 20 декабря 1867 г. Вильна.

רעדיל גאר צו קינדלען: קיין מיינע מייערע פריינדין זאל עס דיר
צוא קיין וואונדער זיין׃ אין די ביידע זאכין זייגען מיר גליך
צו מענטשין אונ צו אלע אנדערע באשעפענעסין׃ אונ דאש
איז ווייל מיר ווילען ניט מאכין קיין אויס נאם פון דער גאנצער
נאטור. דען אין יעדער זאך וואש געפינט זיך אין דער גאנצער
בריאה זיינען אלץ דא מענליכעס אונ ווייבליכעס: דאס הייסט
צווייא מינים זכר אונ נקבה׃ אזו איז דא זכרים אונ נקבות
אונטער אלע געוויקסע (צמחים)׃ אונטער וואסערין׃ אונטער
שטיינער׃ אונטער זאמד אונ אזו אויך איז דא צווייערלייא
מינים אונטער אלע האנד מטבעות׃ אונטער טאלער רובילס
אונ דוקאטין׃ אונ איך קען דיר געבין איין בעוויז דרויף׃
ערסטענס ווערט קיין שידוך געשלאסין בייא אייך מענטשין
אן געלד׃ נון איז עש נור ווייל בייא יעדעם שידוך זיינען מיר
דער עיקר׃ דאש הייסט ווען איין שדכן זעט דאש בייא איינם
איז דא איין זעקיל רוביל זכרימליך אונ בייא דעם אנדערין
איז דא איין זעקיל רובילס נקבהליך׃ דא פירט ער אויש
אשידוך׃ אונ דער איינגעל מיט דער וואש איר רופט עס חתן
אונ כלה זיינען מער ניט וויא זייערע וועכטער׃ דאהער וויא
מיך שיידין זיך פון זייא טיילען זייא זיך אויך אפ איינער פון
דעם אנדערין ווייל זייא האבין שוין מער ניט וואש צו היטען׃
נון קורץ דער פון׃ האב איך געהאט דאש אומגליק צוא
געבארען ווערין איין זכר׃ אונ מען האט מיך בשניטען׃ דאס
הייסט געאידעשט בין איך דער פון געווארין קראנק׃ אונ דער
נאך זייער שוואך אויף דיא פים׃ דען איך האב שוין ניט
בעקאנט אזו לייפין ווי פריערי אונ צווייטענס ווייל מען האט מיך

געאידעשט



געאידעשט האט מען מיך אן גיהויבין צו בהאנדלען וויא די יודין
וואס וואהרן אין יענע צייטין פר יאגט אונ פר צאנט דאס מיהאט
זייא אין כמה לענדר אונ כמה שטעט ניט אריין געלאזין׃ דען
איך האב זיך אויך ניט געטארט ווייזין אין כמה וכמה ערטער׃
למשל אין קיין פריסטשטאט אין קיין קאנטאר׃ אונ איך האב
גיצימערט פאר אריבטיג וואג אונ איך אליין וואר פון גרונט
אויס ערליך איך האב אין זיך קיין אנדער זינד געהאט נור
דאס וואס איך וואר בעשניטען׃ נון האב איך שוין גהאט דאס
אונגליק געווארר צוא ווערין׃ דאס אין דער וועלט איזט דא
פערשיידענע אמונות׃ אונ זייערע מאמינים זיינען העכסט אונ
שלום איינער מיט דעם אנדערין גלויבינגען׃ אונ דאס די גאנצע
וועלט זיינען קינדער פון איינער פאמיליע. אונ האב שוין פון
יענער צייט אן געלעבט איין פערקימערטען לעבין׃ איך בין
שוין ניט וויט גענאנגען׃ קיינע דייעלע געשעפטען געמאכט
גאנצע צווייא יאר האב איך געהאט נאך שטאנציע בייא מיין
מוהל אין שטוב׃ דען ער וואר אגרויסער מכנים אורח׃ אונ
אגרויסער גרים מאכער (פראזעליטענמאכער) פון אלטין דאטען
דאך וואר איך דער ערסטער גר וואס האב זיך בייא אים אזוי
פיל פערזאמט׃ אונ אין דעם וואר ער אליין שולדיג. דען ער
האט איבער געהאפט דיא מאס אונ האט מיך צוא פיל
פערשניטען אונ דאך אום ניט צו זיין אים צוא פיל צו לאסט
פלעג איך אים אפט קליינע בעפעליגקייט ציינען׃ דהיינו וויא
איין ארעמער בעל חצר וואש מען נעמט ניט אן זיין הוף אין
אין זאלאנ ווייל ער טויג ניט׃ אדער ווייל ער איז אויך אים
אגרויסער בעל חוב׃ האט נאך דאס רעכט צוא געבן איין ערב

אפארציטעלסטווא

(אפארוציטעלכמווא) פר אזעלכן וואס מעהאט אים געהאפט
מיט אקוואָרט בראנפין פריוואזנע אזוי פלעג איך אפט גוט זיין
פאר אים אין אשיינק פאר אמעפעל ביר · פאר אגענדזעלע
אגיבראטענע אונ דאס גלייכען אונ איך האב פיינט צו זאגין
ער האט מיך קיין מאל גיט אן געפירט · דען ער פלעגט אלע
מאל באצאלין ריכטיג פאר וויא פיל איך פלעג גוט יצוא זיין
דאך אבער האב איך איינגעזעהען דאס איך וועל מיך ביי
אים ניט לאנג קלעטערין דען אויב וואול ער אליין האט דאך
מיך בעשענטען ווארן ער דאך איין גרויסער יודענפיינד · אונ
דאך נייס איך נאך ניט עד היום פון וועלכען גלויבין זייא
וואָרען דען ער וואר דארט אין שטוב ניט צו זעהען קיין קרייץ
וואס איזט היילינג ביי דיא קריסטען · אונ אזויא קיין מזוזה
וואס איזט היילינג ביי די יודען · נון האב איך געדאכט פיליכט
איזט דא אזוא איין אמונה וואס ברויכען ביידע זאכען ניט ·
איזט מיר ווידער קשה געווארען דא וואלט מען דאך דארפין
היטען דעם זונטאג אדער דעם שבת · אונ אזוי נאך אנדערע
פעסטאגע (ימים טובים) אונ דארט וואָרן אלע טאג גאר גלייך ·
נון וואלט שוין מיר ניט אויס מאכען דאס ער האט גאר קיין
רעליגיאן · דאס הייסט ער איזט וויא מען רופט עס היינט
פילאזאף · נון איזט מיר גיוועזען ווייטער אפראגע ביי איינעם
פילאזאפען איזט אלעם אגאל קריסט יודע מאהמודאנער · אונ
ווארום האט ער אונ זיינע פרויא גראדע איינען יודען געהאסט
נון מה עס זיין ווייל עס וואר דען מאדע אזו · אונ ווען איינר
האט זיך גיוואלט צייגען דאס ער איז באן טאן דאס הייסט
פון אדעל דא האט ער באלד אויס געוויזען איינע פארציאן פון
יודענהאס



יודענהאס · נון שיקט זיך ווייטער ניט דאס אזוי אסורקע וואס
בעשניידעט איינעם דוקאטין · זאל נאך וועלין שיינען פר דער
וועלט דאס ער איז פון גוטע אבקונפט (יחוס) · נור געגוג קיין
גוטץ זאל ער ניט האבין ער מעג זיין ווער ער איז מיר האט
ער דער ווילע גאר קיין טובה גיטאן:
נון האט זיך גימאכט עפעס אנאכט דאס איך האב ניט
גיקאנט איין שלאפען אונ האב געהאט דאן איינע געלעגענהייט
צו הערין איין קליינעם געשפרעך צו ווישען מיין פרינצעפאל
אונ זיין ווייב גילדעבראנע, האט זיא צו אים גיזאגט · זאג
מיר וויא לאנג וועסטו דעם קיילעקע ביי זיך אין שטוב
האלטען · ציא נאך ביזט דוא ניט געלערינט געווארען וואס
מעהאט דער פאר וואס מעלאזט ביי זיך איין בשניטענעם
געבטינגען · עס איז דיר דאס ערסטע מאל האסט ווייניג
געליטען דר פאר פאלג מיך ווער לויז פון אים היינט מארגען
וועט מען געהים איינע רעוויזיע מאכען · דו האסט רעכט מיינע
פרויא, האט ער איר גענטפערט דאך מען מוז דאך מענשליך
זיין מען קען אים ניט אזו אויף דעם גאס ארויס ווארפן איך וועל
אים שוין מארגן אויס זוכן איינע שטאנציע ביי איינם אנדערען
אונ וועל דער נאך מאקע רעגוצירען (ראנאסענען) אונ דאס
מוז אויך איין בעשניטענער זיין (דאס הייסט איודע) דען איך
האסע דיזע קאנאליען מיר מוזען אונזר ברויט מיט שוויים אין
געזיכטע פערדינען אונ זיי וועריך רייך גור פון הוילע שווינדעל
אונ האבין אונז נאך אין דיזען שווערע פראפעסיאן אויך מאנכע
מאל בעשטערט · דען זייערע קאנטריסטען האבין אויך מיך
עטליכע מאל אן געוויזין אונ האבין ענטדעקט מיין איידעלען
בעטרוג,

באַקלאָגט זיך אויף זײַן טאָגס שלעכטן זײַן
אומלעגאַלע אַרבעט



בעטרוג מיט דעם געלען אויער פלום וואס עס איזט מיר איינגעפאנגען כמה יאר איך האב. עס געהערט אונד האב מיך זייער דער שראקין דען איך האב אן געהייבן איבער צו טראכטן וואש קיין שונא קען דער פון דיינקען ערסטינס האב איך פחד געהאט פילייכט פאל איך אריין אין דער האנד פון אגאנץ איינגעשראקענעם מענטשין וואש מען רופט עש ערליבער מאן וועט ער מיר פערבעהוים ענטוועדער אריין ווארפין אין פייער אדער אין וואסער ׃ צווייטענס וואצו זאל איינער דורך מיך אונגליקליך ווערין ׃ עש האט מיר אגאנצע נאכט געשוידערט פון שרעק ׃ אונ ערסט בעגען טאג בין איך איין געשלאפען ׃ אונ אלס איך האב מיך אויף גיכאפט האב איך מיך שוין דער ווישט ביי מיינעם פרינצעפאל אין קעסעגע ׃ עש ווארען דארט נאך אנדערע עטליבע מטבעות ׃ איך האב זיך געוואלט מיט זיי פאנאנדער ריידין ׃ זיי ווארין נאך אבער גאנץ אונמינדיג (שטום) וויא <ספיל קינדער> דען זייא ווארין נאך ניט פארטיג ׃ דעם האט נאך גיפעלט ארואנד דעם האט געפעלט דער פאליטור אונ ביי איינע אנדערע האט נאך געפעלט די האטע נון בין איך מיר דארטין גילעגין שטיל אונ האב רוהיג ערווארטעט מיינעם שיקזאל (מערבה) ׃ דאך מיין פורכט אונ מיין זארג וואר נאך אומזיסט דען אן שטאט דעם וואס ער האט געזאגט צוא זיינער ווייב באלד נאך דעם פרימטיק דאס ער גייט אין דיא יודען שטראסע אום צו קויפין פאר מיר איינען זומער ראק ׃ האט זיך גאר אנדערש אויס געלאזין אונ דאס וואר ווייל עס האבין זיך געקאמעניקערט אין אים דריי זאכין אויף איין מאל וואס יעדערע באזונדר פון זייא איז שוין שווערע צוא אריבער טראנספארטירין

איבער



איבער אנאם פון אזוי אגרויסע שטאט ווי האג וואר ערסטינס איז שווער אריבער צוא טראגין אריבער אנאם דארטין אמאלער ארובּיל ארענדיל דען ביז מען גייט איבער איינע האלבע נאם בלייבט שוין איין העלפט דער פון דען וויא בעגעגינט מען מיט אבאקאנטין וואס מען דארף מיט אים אמנאפס מאכין ׃ אדער שיינקען אדער וויא טרעפט זיך ניט אזוי אזאך וואס עש ווילט זיך קויפין צווייטינס איז שווער אריבער צו טראגין איבער אנאם פון אגרויסע שטאט דעם זעלבינגין גידאנקין מיט וועלכין מען גייט ארוים פון שטוב דען ער מוז זיך ענדערין ביי יעדער טריט ווייל מען בעגעגענט זיך מיט פערשיידענע ענינים וואס דער מאנען אן פערגעסענע זאכין אונ ענדערין אום גאר דעם גאנצין גידאנקין דריטינס איז שווער אריבער צוא טראגין איבער אנאם פון אגרויסע שטאט אז צו קומן צו יענעם ארט וואש מען האט זיך געצילט צוא אים ארוים גייענדיק פון דער היים ׃ אויך מחמת דעם וואס מען בעגעגינט זיך מיט מענטשין וואס פאר שלעפין גאר אנדערש וואו אונ אין דיזעם גילדע בראנד האבין זיך איצט דאך אלע דריי זאכין פר איינגט דאס הייסט ער האט זיך גיוואלט אנטקעגין אין אידעסע נאס ער האט ביי זיך גיטראגין געלט ׃ אונד האט גידיינגט צו קויפין איין זומער ראק ׃ בון אצונגרוישע לאסט פר איז איין לייבמין מענשין וויא ער וואר ׃ אונד האט ער דאהער ניט גיקענט ערטראגין ביי די ערשטע צעהען טריט דען קאם איזט ער ארויס פון שטוב האט אים שוין אן גיטראפין אחברה מאן ׃ אונ מען איז אריין אין אשייגק מאכין אשנאפס נאך דעם האט ער אים אוועק גישיפט צוא זיינעם אבעקאנטן אונ אלעם ער האט אים גייענדיג גיזאגט דאס

ער

קארטנשפיל



ער גייט זיך קויפן איין זומר מאנטיל · הייסט ער דאס ער האט אים גיגעבן פערשמיין דאס ער האט ביא זיך געלט · דא האט אים יענער דארט אן גירעט אשפיל צו מאן אין אקערטיל · נו ווארין באלד איין גילאדין דר צו נאך דריי גיזעלינשאפטר · עס האט נים לאנג געדויערט אונ עש איז גיווארין זייער אמנין דען אין קארטין מאכט נים אוים · עס שעמט זיך נים צו שפילען קליין מיט גרוים · מען האט ארוים געטריבן באלד דעם טאג פון שטוב · דאס הייסט מען האט צו געמאכט דיא פענסטער אונ מען האט אן געצונדין ליכט · אונ מען האט פראסט אן געהייבן צו שפילען אין קארטען באסט אדער אין האלבע צוועלווע · אונ דאן האט מיין פריינצעפאל (בעל הבית) מיך ארויש גינומן פון דר קעסנע מיט איין זילבר שיין (אסיגנאצע) וואש וואר אויך פערגעווים געמאכט האזייבקאם אבראזאם · אונ עש האט אן געהייבן דער שפיל אויף מויט אונ אויף לעבין אונ מיך האט מיין פריינצעפאל געשטעלט אויף דעם ערשטין פייער אונ עש האט אים גיגאלטין דען ער האט מיך פערשפילט דאך נור אויף אנוויילע דען באלד האב איך מיך אום גיקערט צוא אים צוא ריק · דער נאך בין איך וויטער ארויש פון זיין האנד קורץ דער פון יעקעלע דער גאלד שלעגר האט אזו פיל ווייבער נים גיהאט צייט ער האט געלעבט וויא פיל הערין איך האב געהאט אין דיא גאלד שלאכט וואש האט געדויערט גאנצע פערצעהן שטונדין · דען איך האב גערייסטוועט אין דיזער מינצן שטרייט מערער אלס אלע אנדערע מטבעות וואש ווארען דארטין · אונ דאש איז נור וויל איך וואר לייכטער אונ פלינקער פאר זייא אלעמן · אונ צווייטינש וויל יעדערער





האט מיך געוואלט ארץ אויש ביטין אויף איין אנדערער מינצע ביא דעם רעכטע געבין פון איין זילבר שיין (סיגנאציע) וואר איך דיא ערשטע כפרה · ביא דער ציהונג פון איין פיגור האט מען מיך ארוים געשטעלט · קורץ דר פון איך וואר ביא דיזער געלט שלאכט אונ צייט שלאכט (דען ביא קארטין שפילין ווערין ביידע געשעדיגט דיא געלט אונ די צייט) דאש זעלביגע וואש איין פליגיל אדיוטאנט איזט ביא איינר מענטשין שלאכט · איך וואר פול אין אלע ווינקעלאך · איך האב בעשטיגין יעדע מינצין באמטעריע אונ בין באלד ווידער ארונטער פון איר · אונ צוא ריק צו דעם קארטין מארשלאק דאש הייסט צו דעם באנקירער דען וואר אויך מיין הויפט קוואטיר · צעהען מאל וואר איך געפאנגען אונ צעהען מאל ווידער לויז געקויפט · נון האב איך שוין ווירקליך געמיינט דאש איך בין ווידער מותר גיווארין לבא בקהל וויא אין מיינע קינדהייט אונ עש איזט אויף מיר נאר איין אנדערער הויט גיווארין · דער סוף דער פון אבער וואר דאס איך האב מיך אפ געשטעלט ביא דעם באנקירער איך מיט דעם זילבער שיין פון מיינעם פריהערין הערין · אונ זעלבסט מיט מיין פריהערין אפטיגין קוואטיר וואש איך האב געהאט ביא מיין ערכטין הערין · איך מיין דאס זיין קעסענע דען ער האט דר ביא פערשפילט זיינע לעצטע קליידר אויך · אונ איזט אוועק האלב נאקענד · וויא עס איזט אים געגאנגען דארט מיט דער ווייב איזט מיך צו וויסין · איך ווייש מער נים וויא מיט מיר איזט עש צו געגאנגען · געפרייט האט עש מיר באמת וואש איך בין פון דיזעם שעלם פטור גיווארין · דאך דיזער נייער הער וואר אויך קיין לייט · אונ איך האב זייער גוט

פארשטאנען דאס איך וועל ביא אזעלכע קיין טון זאלץ גיט
אויך עסן און אזו האט זיך טאקע אויס גילאזין אידעם זעלביגין
אבינד. איך וואר שוין ביא אים אין ביימיל איין געפאקט מיט
נאך טויזינד אנדרע מינצין ער האט שוין גיהאלטין דעם שטעקין
אין האנד. און פון דער גאנצער געזעלשאפט איז גיבליבין נאר
איינער וואס האט זיך שוין אויך צו גיקליבן אוועק צו גיין האט
זיך דיזער איינר גראד גידארפט דער מאנען דאס עס קומט אים
פון דעם באנקירער אפאר טאלער און ער האט זיא ביא אים
גימאנט גיב מיר אטאלער מיט אגוטין גילדין רעסטע און איך
וועל דיר געבין ארענדיל האט ער אים גענטפערט און האט אזו
ארויס גינומען דיא ביימיל וואס ווארין אין איר הונדערטע
אנדערע רענדלאך און טאלער און האט אין איר געזוכט און
גיאקערט ביז ער האט מיך בעקומען און האט מיך אים אוועק
גיגעבין. האט ביא יענעם גינומן נאך רעסטע און האט זיך אן
גילאכט דער ביא אזוי הויך דאס עס קלינגט מיר נאך אין די
אויערין איך קען דיר גאר ניט אזו ווייט זאגין מיינע טייערע
לעזערין וויא פיל דאס האט מיך געקרייגקט עס איז מיר דיא
בלוט פון דיא פים אין פנים אריין גיקומען דען דו וואלסט נור
זעהן מיט וואס פר אפריידע ער איז דאס פון מיר לויז גיווארין.
קורץ דער פון איך האב מיר אין מיין נייעם קוואטיר גישעמט
וויא אגנב. דער נס מיינער וואר דאס ביא אים דארט אין
קעסענע וואר פוסט. און עס איז ניט גיוועזן פאר וועמין זיך
צו שעמען דארט. עס וואר דארט אזוי פוסט וויא אין אפוסטינע
וואס מען האט אין איר ניט גיוואוגט זינט זיא איז גיבויט
גיווארין, עס האט מיר גענרוילט דארט צו נעכטיגען: און עס

וואלטען



וואלטען מיר איך וויל אזוא ווייט ניט אויס ריידין אנדערש
גיזאגט איך וואלט דארט גזוק גיווארין ווען עס וואלט ניט
אריבער גיהאנגין די קיטעלע פון אזייגער מיט אשליסעלע וואס
איז אין אים איין געשטעקט איין קליין מיזעלע (דען עס איז היינט
מאדע דאס דיא עלעגאנטען טראגין שליסעלאך מיט מיזעלאך
וואס זייען געמאכט מיט דער פאטעגראפיע זייא זייען זייער
קליין און שיין. זייא טראגין עס ביא דיא קעסענעס דאמיט
שידים זאלין זיך דארט ניט פערפאדזען דען עס איז דארט
אגרויסע וויסטעניעס) ער איז גיקומען אהיים האלב פערשוועכט
האלב פערשלאפען. און דאך האט ער זיך נאך אכה אן גיטאן
דורך צו זידלען זיך מיט איר און צו קריגען זיך און האט זיך
גילייגט שלאפין און ערשט מארגין אין דער פריא האבין מיר
אונז ביידען דער קאנט ער האט זיך ארום גיזעהען דאס ער
האט זיך מיט מיר גרייליך בעטראגען דען איך בין קוים ווערט
גיוועזן דיא רעסטע וואס ער האט פאר מיר ארוים גיגעבין.
און איך ווידער האב מיר אויך ארום גיזעהען דאס איך האב
דא ווייטער נאר קנאפ וואס אויס געביטען איך האב אים באלד
דורך גינומען דאס ער איז עפעס אמין פוסטער פאדראציק דען
עס זיינען גיקומען צו אים עפעס עטליכע מענטשלאך וואס האבין
מיט אים גירעט אלץ פון אבטרעט געלט צו צעהען צווא צוועלף
טאלער אויף אחלק גינוג בעוויז דאס זייא ווארין אזעלכע וואס
קענען אליין קיין געשעפט אן נעמען נון פערשטייט זיך דאס ער
וואר ארעם וויא טיטוס דאהער האט ער מיר גיוואלט אויס
געבין פארפול און האט אלץ גיקלערט וואו קען ער מיר אהינטאן
דען אין גאס האט ער מיך מורא גיהאט צו לאזין אליין וייל ער

האט

האט געוואוסט איך וועל ווייס ניט ניין ׳ אונ וועל אים דער צוא
איינטראגין גאנץ ווייניג נוצין־צווייטינס נעמט מען אלץ אויף
בארג ׳ אונ וויא לאנג האט ער נאר אן געזעצט היינט ווייז זיך
אין נאס מיט רענדלאך לייטין אויף רייסין דיא אויגין צוא וואס
וועט ער טויגין אין דעם וויא ער שטייט אזוי פערטראכט ׳ דיא
אויגין צו גימאכט אונ דיינקט וואסער לאך זאל ער פריהער מיט
מיר אויספילין אונ וועלכן בעל חוב זאל ער. דער מיט שטילין
איז אריין גיפאלין צו אים אין שטוב עפעס איין ארעמע אידענע
מיט איין קלאג אונ מיט איין יאמער׳ עס איז מיר שוין מיינע פים
גישוואלין גיווארין צו אייך לויפענדיק האט זיא אן גיהויבין צוא
שרייען אלע טאג היינט מארגין היינט. מיר האבין קיין
ברויט ניט אין שטוב מיין מאן האט שוין קיין כח ניט צו שרייען
מיט אייער יאסצוקין דען ער האט פון דריי טעג ניט גיגעסין :
אונ וויא פיל קומט עס אייך האט ער איהר געפרעגט וויא פיל
קומט האט זיא אים גיענטפערט דאכט מיר איר האט באצונגען
צעהן טאלער אזמן אונ איר האט נאך דער ווייטע אנגראסין ניט
גיגעבין־נוא אידענע הערט אויף צוא שרייען מאכט קיין לארעם
ניט׳ האט ער מיר געענטפערט הייסט אייער מאן בעסער איין
פאדראציק זיין אלס איין מלמד. נאט אייך איין רענדיל. אונ
גייט אייך גיזונדרהייט׳ אונ האט באלד אריין געשטעקט די האנט
אין קעסטענע אונ האט מיך אוועק גיגעבין צו איר נאך האט
מיך קיין מענשליכע האנט אזוי פריינדליך גיקוועטשט וויא דיזעע
דארע פויסט פון דיזעע ארעמען פרויא אונ. עס האט מיך 4
גיפרייט דאס איך בין אן גיקומען צו אזעלכע ערסטינס ווייל וויא
איך האב איינגעזעהן בין איך דער ערסטער רענדיל וואס זי

האלט

דער מלמד רעדט מיט אן אנדער דיקער



האלט אין איהרער האנד נוא וועט זיא דאך ניט וויסין שוין
באלד דאס איך בין באשניטין צווייטינס העטע איך קיין קל
גיוועזן וואלט איך גיוויס צו איר ניט אן גיקומען אלץ וועט זיא
דאך פאר מיר אפאר טאלער נעמען קורץ דער פון זיא האט
מיך גיבראכט אהיים מיט אזו אפרייד מיט אזו אשמחה דאס קיין
גביר וועט עס ניט זוכה זיין צוא האבין פון מיליאנען ׳ דיזע
שמחה האט זיך בעניעט אלס דער מאן איז געקומען פון חדר
ער האט אן גיטאן דיא ברילין אונ דיא ווייב האט מיך אויס
גיוויקילט פון דיא צעהען פאפירליך אין וועלכע זיא האט מיך
איין גיוויקילט אונ ער האט מיך מיט זיין ברייטע געזיכט נעביך
באטראכט פון אלע זייטין ׳ דוכט מיר לאה האט ער צוא איהר
גיזאגט דאס דער רענדיל איז עפעס קלענער פאר אלע יענע
זעקס רענדלאך וואס מיר האבין גיהאט גידיינקסט דוא אמת עס
איז שוין אצייט מיט יארין גינומען פאר דיין אויבעל וואס מיר
האבין זייא אונזער פערען עליה השלום אוועק גיגעבין אין נדן
אונ וויא איך איצט געדיינק ווארען זייא וויא דיא קעלבר׳ אונ
דער איזט כמעט אזו גרויש מער ניט וויא אלוסקע פון אפאק
אט מיין מאן האט זיא זיך צוא אים אפ גערופען ׳ מראכט
ניט אוים זאלין מיר האבין אזעלכע חאצבי איין אבטעל וואלט
אונזער צירענקע באלד גיווארין אפאלעלע׳ אונ ווידער וואש
פערגלייכסט דו די רענדליך פון יענע יארען מיט די רענדליך
פון דיא איצטיקע יארען ׳ דיא פערצייטיגע מענטשין זיינען
אויך גאר אנדערע גיוועזן ׳ הא גידיינקסט דיא מעשה פון
קאזומס פאנטאפעל ׳ וואש זיא איזט איינגעבונדין מיט דער
תחינה פון ראש חודש בענצין בייא אונז דאש מען פלעגט אין

זייא

זייא קינדער ווינין׳ עס פאר שטייט זיך דאש עש וואָרין נאר אנדערע דורות׳ גילויבט אונ געבענצט איזט זיין ליבער נאָמען דאש איך האב אים פון זיינע הענד ארויס בעקומען׳ א הלואי וואלט ער אונז האצבי די איבעריגע שכר לימוד מיט אזעלכע רענדלאך בעצאלין׳ איך וואלט מיט פריידען אן זייא האצבע צוא צווייא גילדין אן גערען׳ דען זאגסט וועט זייז גאר פאר פאלין׳ נוא מיינע טייערע לעזערין איך מוז דיר די וואָרהייט זאגין דאס דיא ווילדע ווערטער מלמד שכר לימוד נדן׳ אונ דאש גלייכין האב איך דאן גאנץ ווייניג פערשטאנען׳ דען לבד דיא בעשניידונג מיינע האב איך נאך דאן פון אידעשקייט נים גיוואוסט וואש אהאר איזט ווערט׳ נור בענוג איך האב פון זייער געשפרעך גינוג פערשטאנען׳ דאש מיין נייער איינגענטיהמער (בעל הבית) איזט איין ארעמער אונ ערליבער אידעשער לעהער זייא האבין זיך מיט מיר אנאנצע נאכט געשפילט געפרייט אונ האבין זיך אלץ מישב גיווען ווייא זייא זאלין מיך אויש געבין׳ אונ דיזער ישוב הדעת האט בייא זייא פיל מעהר גיווערט אלס דער ישוב הדעת וואש זייא האבין גיהאט בייא זייער אויש געבין אטאכטער דא גיט לאנג׳ אונ האבין טאקע דריבער מעהר אונ בעסר אוים געפירט מיט מיר אלס מיט איהר׳ דען זיא האט זיך אומגעקערט באלד צו ריק צו זייא׳ אונ איך נים עד היום׳ קורץ דער פון איך וואר בייא זייא איבער נאכט אגוטער גאסט אונ אויף מארגין האט מיך דיא ארעמע לאה אוועק גיטראגין צו איהרען אבעקאנטען חלפן (וועקסלער) זיא האט אים מיך פאר גישטעלט׳ אונ האט אים גיבעטין דאש ער זאל מיך אויש וועקסלען אויף

קליין



קליין געלד׳ קוים אבער האט מיר דיזער חלפן דער זעהען האט ער גימאכט אזו אפינסטערע מינע דאס עס איזט מיר די דמים איין גיפאלין אונ דיא ארעמע לאה איזט נעבעך גבליבן שטיין וויא איינע פארמישפעטע וואש וואלט שוין גערין גיזעהן צוא הערין איר ביטערין דעקרעט דער חלפן אבער האט דר בייא קיין ווארט גירעט אונ האט מיך באלד אויף איינע קליינע וואג סאל ארויף גישמיסין׳ נון האט מיך דיא געוויכט איבער גיוואויגין׳ זיא איזט אראפ אונטין אונ איך בין ארויף אויבין׳ נון וויא איך וואר בייא מיר דורך דעם זייער גיהויבין אזו וואר נעבעך דיזע לאה בייא זיך גיפאלין אונ האט אלץ גיקוקט מיט איהרע אויגין וויא ווייט דיא גיוויכט האט מיך איבער גיוואויגין׳ ווער האט עש אייך גיגעבין אזוא אקל שבקלים האט ער איר גיפרעגט דאש האט מען מיר ברוך השם פאר שכר לימוד גיגעבין האט זיא אים גיענטפערט׳ אפרים דער נייער נגיד׳ פון אים אזוא האט ער זיך אפ גירופין פון אים׳ אפרים דעם נייעם נגיד אונ אלטין קארטין שפילער׳ איזט שוין מיר גאר קיין קשיא׳ דען אזו אקל שבקלים וויא ער איזט אליין אזעלכע רענדליך האט ער אונ גיט ער׳ אונ וויא מיר דוכט האט ער קיין מאל קיינע בעסערע גיהאט׳ מען מוז דאך אלבי האבין אן צו געבין אזו ארענדיל פאר דייא מאלד איינם ארעמאן מלמד פאר שכר לימוד׳ נון הערט וועה מיינע ליבע לאה׳ איך זאל אייך צאלין וואש דער רענדיל איזט ווערט באמת׳ קען איך אייך מער נים וויא צוועלף גילדין געבין פאר אים אונ דאש גיב איך אייך שוין׳ אונ נאך אכט גילדין וועל איך אייך דער לייגין אבער ערשט אין אכטאג ארום דען

איינר האט ביי מיר בעשטעלט דאש איך זאל אים פערשאפין צוויא טויזינד. דוקאטין וואש יעדער הונדערט פון זייא זאל וועגין אפונט דען ער ברויכט זייא מעהר אויף גאלד אלס אויף מינצין נון האב איך גאנץ אלטע דוקאטין וואש איינגע פון זייא וועגען מעהר אלס הונדערט אויף אפונט · נון קען דיזער רענדל אייערער אויך ארונטער גיין אונטער זייא דען איך וועל דר מיט קיין שאדין מאכן נים מיר אונ נים יענם · דען ער וועט דאך מיר בלאו הכי נים צאלען מעהר פאר דיא עטליכע שווערערע דוקאטין · נון וואר דיזע ארעמע פרויא העכסט צו פרידען איז אוועק מיט דיא צוועלף גילדין אהיים · אונ איך האב מיך אפגעשטעלט ביי דעם הלפין האט מיך אראפ גינומן פון שאל אונ האט מיך אריין געווארפין אין אקעסטעלע וואס דינען דארטין געלעגין שוין כמה הונדערטע דוקאטין געווינטע אונ אפגעקארמעטע. איך בין דארטין געלעגין אגאנצע וואך אונ האב דיזע עטליכע טעג צו געבראכט גאנץ פריילוך יעדער פון אונז האט דער ציילט זיין לעבינם געשיכטע · וואר ער האט אוים געוואנדערט אונ אוים געריינט · אונ וואס ער האט זיך אן געזעהן אונ אן גיהערט · עם וואר גאנצע קראניקעם דער פון צו שרייבין נור גענוג וואם זאל איך ריידען פון אנדערע ווען איך האב פון איינענע ארפטקאות (סבות) גענוג צו דער ציילען · נור איינע קען איך זאגין דאם דיא דאזיגע דוקאטין וואר'ען אלע האלענדער · אונ דאהער ווארין זייא העכסט געהיגדיג (טאלעראנט) מיט מיר · עם האט זייא גאר נים געארט וואס איך בין נעאידעשט · אונ האבין זיך מיט מיר בעגאנגען גאר ברודערליך עם האט זייא נים אוים געמאכט

צוא



צו איך ליג אויבין אונ זייא אונטין צי זיי אונטין אונ איך אויבין דען איך וואר אימער פון אויבין ווייל מיין נייער פרינצעפאל האט מיר געוואלט אימער אין אויג האבין · אום ביי דער ערסטע אונ בעסטע גילעגענהייט לויז צו ווערען פון מיר קורץ דער פון אין איין אבטאג ארום ווארען מיר הונדערטע וויים איינגעפאקט גיווארין אין פאפירען · אונ דאן האט מען מיך אריין געזעצט צו ווישן צווייא זקנים געווינטע אונ דיקע קערלען אונ זייא האבין מיך גימרייסט אונ צו גיגעבין מוט שרעק דיך נים האבין זייא צו מיר געזאגט מיר וועלען דיך דורך פיהרען דורך אלע געפאהרען · ווייל זיך נור נים אפ פון אונז וועסט דוא גליך מיט אונז דיא וועלט דורך מארשירען אונ אזו איז ווירקליך געשעהען דען מען האט אונז נור הונדערטווייז גיוואויגן · אונ באלד ווידער איינגעפאקט אין ראלען · אונ איין דיקער מאן האט אנדערע ברידער גאנצע צווייא טויזענד מיט זיך אוועק געפירט האט · אונז גיבראכט אהיים אונז איין געשלאסען אין אקאסטין וואס וואר דורך אוים פון אייזין · אונ צוא גישלאסין מיט פינף ריגלען · אונ צעהען שלעסער · אונ דארט וועדין מיר איין גישלאסין יארען לאנג · דאס מיר האבין אין דיזער גאנצען צייט נים געוואוסט וואס עס טוט זיך אויף דער ווייטע וועלט · מיר האבין נים געוואוסט ווער אונזער איינגענטימער איז צו איידע צו אקריסט לבד נור דאס האבין מיר גיוואוסט דאס ער איז רייך אונ ווייטער נים · אוים לאנג ווייליע דיינען מיר שיר משוגע גיווארין אונ אמאל פלעגט זיך אונז דובטין דאס אזעלכע מינצען ווי מיר זיינען זינד גאר בודאי אוים געקאסירט געווארין פון דער וועלט

וועלט

וועלט · און דאס זעלבסט גאלד האט שוין גאר קיין ווערט דען עס וואר דאך אמאל אזוי דער צייל'ן אונזערע זקנים · דאס אשמיק ברוים וואר געמאכט'ער פאר אשמיק גאלד ווייל מען וואר דאן נאך גאנץ קלוג דאס מען פלעגט צו פערלאנגען פון דער וועלט נור נוציגעס און נים קיין געלד · דער רוהיגסטע אונטער זייא וואר איך דען איך האב גוט געוואוסט דאס איך וועל אין דער וועלט נים ווייט קומען · און היינט אדער מארגען וועל איך צריין פאלען אין אגרויסע ביעדא · און דא בין איך דאך ווייניגסטענס זיכער מיט מיין לעבין · און זיך צו וויסען לייט קורץ דער פון עס וואר אזוי פינסטער און שטיל אין אונזער וואונונג דאס מיר האבין גאר נים געוואוסט דעם רעכינונג פון דער צייט אמייל פון אונז האבין גירעכינט דאס מיר זיצען שוין דא איאהר צעהן · אמייל האבין גימיינט נאך מעהר און ווידער אנדערע האבין גיזאגט דאס וויא זייא דוכט זיך איז ערסט נור זעקס יאר און יעדער האט גיגעבין דאראויף איין אנדערע בעוואייז וויא ביי אייך מענטשין מיינען מייערע לעזערין דיא אויף גיקימערטע און די פרומע פאנטאזמען (בעלי דמיונות) זאגען און ריידין איבער דיא ענינים וואס ווארען פאר דער בריאה און וואס עס וועט זיין נאך דער בריאה און וואס אויבין און אונטין איז און בעווייזין עס מיט מופתים וועהרענד (בשעת) זייא זיינען אויך דא אונטין פארבונדין אין גראבין חומר וויא מיר ווארען דארט איינגעשפארט אין דעם פינסטערין קאסטען אויס גילאזין האט זיך דאס נים איינער האט פון אונז גיטראפין דען אין דעם רעכטין קלערין האט מען אויף געמאכט דעם קאסטין נון וואר דאן אונטער





מיינע קאמעראדין פריידין איבער פריידין · דען זייא האבין גימיינט דאס זייא וועלין פון דיזער שביה שוין לויז ווערין און וועלין שוין ווידער איבער דער וועלט שפאצירין · ליידער אבער וואר אונזער געפיינגנים נים געעפענט אום אונז צו בעפרייען ניין נור אום נייע תפוסים אריין צו לאזען · דען דיזער דיקער הער האט אריין גילייגט נאך צעהן ראלין פעקלאך דוקאטין און האט ווידער דעם קאסטען צו גיהאקט דאך האבין מיר געגוג צייט גיהאט צו בעטראכטין דעם דיקען הערין · דאס ער איז אפולע עלטער גיווארין · דען ביא דעם ערשטין מאל וואר ער נאך מיט אקליין בערדיל אשווארצע · און איצונד האבין מיר אים גיזעהן מיט אגרויסע בארד אגראע · נון מוז שוין זיין פאר גיווים דאס מיר זיצען דא שוין איאר צוואנציג · נון האט זיך אן געהייבין ווידער אוכחה צו ווישין אונז וויפיל דארף דויערין צו ווערין פון אשווארצע בארד אגראע בארד דער האט גיזאגט אזוי פיל און איין אנדערע האט גיזאגט אזו פיל אדריטער אבער האט גיזאגט דאס פון אזוי אזאך קען מען גאר נים שליסען אויף דעם דויער פון דער צייט ערשטענס קען זיין דאס דער דיקער הער האט שוין גיהאט אגראע בארד צום ערשטין מאל נור ער האט איר דאן אפגעשווארצט · דען היינטיגע וועלט פארבין זייערע בערד ביז וואנען מען קען נאך נארען דאס מען יונג איזט · צווייטענס קען אמאל איינע שרעקליכע מינוט מאכין פון יונג אלט דען אלס איך וואר אין נארוועגין איזט איין יונגער פויגעל פיינגער וואס איזט ארויף געקלעטערט אויף אהויכען פעלזען פון פיפציג קלאפטער אום אויס צוא רויבין דארט אויף זיין שפיץ דיא

טייערע פעדערן וואש זייגען דארט גיוועזען אין דעם נעכט פון
איינער איידערנאנז איזט ער פון דארט ארונטער געפאלען ·
אונ אין זיינעם האלבין פאלען האט ער געהאט דאס גליק צו
פערצעפען זיך מיט זיין קלייד אן אדארין וואס האט פון דיזעם
פעלזען שטיין ארויס גיוואקסען · אונ איז אזו געבליבען הייגען
אין דער לופטען ביז אנדערע יעגער זייען ארויף אויבין אויף דעם
פעלז אונ האבין אים ארונטער גלאזין אשטריק מיט אקארב
אין וועלכער. ער האט זיך אריין גיזעצט אונ זייא האבין אים
ארויף גיצויגין דאך אבער קיינן יונגען פויגיל פיינגער אזעלכין
וויא ער איז ארונטער גיפאלין נאר איינען אלטין פויגיל
פיינגער דען ער איז אין דיזער קליינע אבר העכסט שרעקליכע
צייט גרויא גיווארין · נון קען גימאלט זיין דאש אונזער דיקער
הער האט אויך פיליכט גיהאט אויף זיך אגרויסין שרעק אונ
איז מיט אמאל אלט גיווארין · נון קענן מיר שוין פון זיינער
פריהיגערע שווארצקייט אונ פון דיא איצונדיקע גראקייט גאר
ניט שליסין אויף דעם משך פון אונזער צייט אונ צו וויסין וויא
לאנג מיר זיצין דא ; קוים אבר האבין אונזערע נייע קאמראדין
אן גימערקט איבער וואש מיר דיספוטירען אונז דא האבין זיי
זיך שרעקליך פון איינאנדר גילאכט וואש טויג אייך די וויכוחים
האבין זייא אונז גיזאגט פרעגט אונז וועלין מיר אייך שוין גוט
קלאר מאכען איבער אייערע פערשלאפענע צייט · ניין מיר
דארפין אייך גאר ניט זאגין זעהט נור אונזער דאטע וואש
איז אויף גישלאגין · אויף אונז וועט איר שוין ממילא אליין
וויסין · מען האט אונז ערשט אין דיזעם יאר געמינצט · נון
האבין מיר געשווינט אן גיטאפט דיא ציפער וואש וואר אויף

דיא



זייא גישלאגין · דען זעהען האבין מיר ניט גיקענט עש וואר
שטאק פינסטער אונ מיר האבן אן גישפירט דעם צאל (1780) :
דאש הייסט אמשך פון איאר דרייסיג יאר מען האט אונז
דארט איין גיזעצט דען אונזער אוועקלייגין דארט וואר דאך
אין מיין ערכטין יאר פון מיינעם געבורט וואש דאש וואר אים
דעם יאר (1750) · גאנצע דרייסיג יאר עש האט זיך אונז
אונזערע האר קאפויר גישטעלט ביי דיזעם גידאנקען דאש איז
דאך אביסיל אטיראנעריי פון דעם דיקין הערין צוא האלטין
איינגעשפארט אפאר טויזינד דוקאטין אזו אמשך מיר האבין
דאך גיקענט ביי איינער פרייערין בעהאנדלונג פיל נוציגער
זיין צו אים אונ צו דער וועלט · נון מוז עש געווים זיין דאש
ער האט פחד גיהאט צו ווייזין זיך מיט אונז אין דער וועלט
וויא איינע פנויה · דאש הייסט איינע פרויא וואש האט קיין
מאל ניט חתונה גיהאט קען זיך ניט ווייזין מיט אקינד איהרע
וואש זיא האט גיבאהרין מן הצד אונ ווען אויך ער איז איר
זייער ליב דען ער וואר נור איין נאמן ביי קהל אונ ווייטר
אין עטליכע טעג ארום נאך דעם וויא מען האט צו גיבראכט
צוא אונז דיא נייע רעסטאנטין · האבין מיר דער הערט עפעס
אגרויס לארעם אונ אגרויס געוויין אין שטוב אונ באלד איז
גיווארין אגרויבע סוסקעדייא אויך אין דעם צימער וואו מיר
זייען גילעגין אונ מיהאט אונז עפעס אלע ווילע דער מאנט
הערט צו מיינע ברידער האט זיך איינער פון אונזערע זקנים
אפ גירופין מיר איז שוין ניט דעם ערשטין מאל צו זיין אתפוס ·
יארען לאנג ביי אלערהאנד מענטשין אין דער וועלט אונ האב
שוין דיא פראקטיקע דאס אזו אנערודער בעדייטעט נור אויף

דעם

דעם טויט דעם פרינצעפאלסינען ווערין מיר שוין ניט לאנג דא
היגען · דא וועט עס געווים זיין באלד אמאנגעפעמט. דאס מען
זאל אלע אונזערע תפוסים צוא בעפרייען אונ אזוא האט זיך
טאקע אויסגעלאזט · אונזער פרינצעפאל איז גישטארבין וויא
דער סדר איז פאר פסח אונ איז זיך אפ גילעגין גאנצע דרייא
טעג ווייל מען האט ניט גיקענט דורך קומען מיט די יורשים
קבורה געלד · אונ מיט א נאכט פריהער פאר די קבורה האבן
דרייא יונגע לייט אויף גיעפינט דעם קאסטען · דאס ווארען
די יורשים · אונ האבין איבער געציילט גאר די געלטין אונ
די פאפירען וואס זייגען דארטין גילעגין נאך פריהער אלס מען
האט אונז אהין ארייין געזעצט · אונ האבין אויס געקליבען פון
אונז אלע הירלאקעס אונ קלים אין אלעם מיט זילבער שיינען
אמאלער דרייא טויזענד אויף קבורה געלט · נון פערשטייט זיך
דאס איך וואר די ערסטע כפרה אונ אויף מארגין אין דער
פריא האט מען אונז אוועק געטראגען צו דעם גרויסען גבאי ·
אונ דארטען האט מען אונז רענדלאך נור געציילט אונ ניט
גיוואוגען · מען האט גינומען וויא עס גייט · דען מען האט ניט
געוואלט מיט די יורשים מעהר איין רייסען · דען זייא האבין
נאך גיהאט איינע אלטע מוטער מיט א גרויסע כתובה · נוא
ווען מען וואלט צו שטארק ציהען די שטרונע וואלט זיא זיך
גאר צו רייסען · דאס הייסט זייא וואלטען איר אוועק שיקען
שטארבין צו זייערע א שוועסטער וואס זייא האבין גיהאט אין
א קליין שטעטיל · איך האב אפילו ביא דעם גרויסן גבאי אויס
גיזעהען זייער קליין · ער האט מיך אפאר מאל אהערג גיטאן
אויף דעם פינגער · ער האט אבער ניט גימאכט קיין גרויסען





וועזין · אונ האט מיך מער ניט וויא איינגעוויקילט אין א פאפירעלי
אום צו דער קאנען מיך גיך אונ באלד ווען ער וועט מיך נור
גיברויכען · אונ בין ביא אים אזוי גילעגין אין א ווינקעל וויא
א קליינער מעהעל אין מייגע פרעם ווייסע תכריכים · נאך מער
אלס מיין גישטארבענער פרינצעפאל · דען ער איז גילעגען
נור דרייא טעג · אונ איך בין ביא אים גיוועזין א טאג פינף
אויף דעם זעקסטען טאג האט מען אונז אלעמען טראנספארטירט
צוא די גבאים פון צדקה גדולה · נור איך מיט נאך עטליכע
וואזנע קלים זייען געלעגין אין א באזונדערע אטרעלענע וואס
וואר אין יענער בייטעל אין וועלכע מעהאט אהין אוועק
געטראגען · ביא נאכט איז אהין אונטער געקומען אויך דער
גרויסער גבאי אונ מען האט אן גיהייבין צו שיקען פון אונז פאר
ווייס אונ איינציג ווייס אונ צו צווייא פאר ווייס אין די הייזער
פון די גיפאלענע בעלי בתים · אויף קמח פסח · דען דארט
איז די מאדע גיווען געלט צו שיקען · נון דא האבין מיר אונז
אן גיהייבין זיך צו זעגענען · עס איז אונטער אונז פערגאסען
גיווארען זייבען טרערין · מען האט אונז אריין גילייגט אין
באזונדערע קאנווערטלעך צו איינעם צו צווייא צו פיר צו זעקס
אונ מען האט אונז יעדען גיבראכט אויף זיין קוואטיר וואו די
גבאים האבין אים געהייסען איינקוואטירען · אונ מען האט
אים זייער שיין אן גינומען · נור אויף מיך וואס איך וואר נור
איין איינציג ביא זיינעם געפאלענעם באלעבאס דען מער וויא
מיך איינעם האט מען ניט צוא געשיקט אהין · אויף מיך האט
מען דארט זייער קרום גיקוקט · אונ אזוי איך אויף אים אויך ·
דען איך האב אים דער קאנט דאס איך האב אמאל ביא אים

BACK TO OWNER #3



אנאכט גינעכטיגט אונ דאס וואר דער אפרים דער נייער נגיד
דער פוכטער פאדראציק וואש האט מיך אוועק געגעבין צוא
זיין מלמד פאר עבר לימוד אונ האט מיך דאן אריין גירעבינט
פאר דרייא טאלער מיט צוויא גילדען · דאש הייסט פאר פול ·
ער וואר דאן נאך איונגער מאן קוים דרייסיג יאר אלט אונ
דער צו נאך גאר אן אהתימת זקן · דען ער וואר איין גלוח ·
דאס הייסט געראזירט · אונ היינט וואר ער שוין איאר זעכציג
מיט אגרייז גראע בארד · אות דער צו אפ גיריסען · אונ וואר
אזוי ארעם דאס ער האט געמוזט אן קומען שוין צו קמחה עניים ·
אדער בעסער צוא זאגין צו קמח פסח · אונ דווייל דיא גבאים
האבין גיוואוסט דאש ער איז אקל האבין זייא דאהער נור
מיך וואש איך וואר אויך אקל צו גישיקט צוא אים · ער האט
זיך איצונד אזוי פערענדערט דאש איין אנדערער וואלט אים
בשום אופן נים דער קענט · אונ אזוי וואלט איך אויך נים
געוואוסט דאש ער איז דאש ווען איך וואלט פון אים נים
הערין דיא זעלביגע קללות אונ דיא זעלביגע זידלעריא צוא
דער ווייב וועלכע איך האב זיך אן גיהערט פון אים אין
יענע נאכט וואש איך האב ביא אים גינעכטיגט אונ דיא
זעלביגע אנטווארטין פון זיינער פרויא צוא אים · אפרים
קארטעוויניק · פאניצע קורעווניק · אונ האב ביא אים גיטראכט
גוט אזוי אסוף זאל אויס גיין אלע קארטען שפילער · אלע וואש
פארצאקין נים עבר לימוד אונ זייערע שבירות מענשען · דיזער
פארדלער יונגאץ האט מיך צוויא מאל אויף דער ערד גיווארפין ·
האט גישלאגען דיא גבאים וואס זייא האבין מיך גאר געשיקט
צו אים · ער האט זייא גירופין גנבים · בעטריגער · לאפקע
מאכער.



מאכער · טיראנען וואש ווייסען קיין רחמנות צו שוינען · צוא
מיין הארצין זאלין דיא קומען · האט ער גיזאגט · איך בין
אמאל גיוועזן מער לייט פאר זייא · נים פערדייען זאלין זיי דיא
מאלערס וואש איך פלעג צו צאלין אלע יאר פאר אתה הראת
אין גרויסע שול · פאר פתיחת ארון צו נעילה · באקום זאל
זייא ארוים מיין ספר תורה וואש איך האב דארטין אמאל
איינגעגעבין אין דעם ערסטין יאר וואש איך האב דיא פינף
טויזענד טאלער אפ גינומען פאר דער פרעטענזיע וואש איך
האב גימאכט דער קרוין · עס איז גאר גלאט קיין איין זעהענעס
אין שמאט · נימט קשה · איך בין נאך נים פארפאלען · איך
וועל נאך לערנען מיט זייא בלק · זיי וועלין וויסין דאס אפרים
דער נייער נגיד לעבט נאך :

אזו גייטעס אין דער וועלט מייגע טייערע לעזערין · דער
גרעבסטער הולטייא · דער גרעסטער ליידאק וויל בעהאנדעלט
ווערין פון דעם אנדערען מיט עהרע · ווען מען האבט אגנב
אונ מען גים אים אפאץ · שרייט ער דאש מען שמייעט אים
נים צו שלאגין מען זאל זיך מיט אים בעגיין פאזאקאנע · נו
פרעג אים פריער צו איז ער זיך בעגאנגען פאזאקאנע · הייסט
אזו דיא געזעצע דאש מען זאל אויף ברעכין אפרעמדע טיר
גענוג ער האט מיר צוויי מאל גיווארפען אויף דער ערד · צוויי
מאל אבער אויף גיהייבין · אונ האט דער נאך גיזאגט · נים דער
לעבין זאלין זייא דאש איך זאל דער פון פסח מאכין · איך
וועל אים בעסער אין קארטין פארשפילין · אונ האט מיך
אזו גינומען אין האנט אונ איז אוועק גיגאנגען מיט מיר אין
אנעוויסע שטוב · איך האב דארטין דער וואוסט אבאנדע

קארטנשפּיל-סצענע 862



קארטנשפּילער · יודען קריסטן אלע ווארן בליך אונ קריינקליך זיינען גיזעסען שטיל וויא דער טויט פערקימערט פערצאגט ביא איינע פון זייא ווארען שוין רויטע נעזער פון צוא פיל שנאפסען אונ האבין אויסגעזעהן דורך דעם רויך פון די ציגארין דען יעדער פון זייא האט גערייכערט וויא דיא נאכט מיוזלען · אונ דער צו נאך איז דער שלאף זייא גילעגין אלעמען אין דיא אויגין · דען זייא האבין זיך נעבעך שוין אגאנצע נאכט געמיצעט ביא דיא קארטין · עס וואר דאן פרייטאג נאך האלבען טאג קאם בין איך מיט מיין פרינצעפאל אריין אין שטוב איז גיווארין דיא גיזעלענשאפט גייע בעלעבט · דען וויא ארעם דיזער אפרים וואר האבין זייא אים גיוואוסט פאר אגוטען קונד · אונ דאנאך דראציא · מען האט זיך גיזעצט גאר פון דאש נייע שפּילען אין קארטין אין האלבע צוועלפע · אונ מיין הער האט זיך ווידר ארוים גישטעלט אויף דעם ערשטין פייער אונ היינט האט אים גראד גיגאלטין · ער האט ביא זייא אפ גיטאצט אטאלער דרייסיג אונ איינער פון זייא וואש עש איז אים אויש גיקומען קורץ אין געלט האט פערשפּילט ביא אים אויך איין לאטריע צעטיל · דיזר שפּיל האט זיך פערצויגען איבר ליכט בענצין · אונ ארום צוועלפין ביא נאכט האט מען שוין אן גיהייבין פון איינאנדער צו גיין · אונ דאן האט ער גיטוט מיך לויז קויפין · דען איך וואר שוין ביא איינעם אנדערין אין דער האנד האט אים יענער ניט אוועק גילאזין ביז ער זאל אים באצאלין פאר מיך צוואנציג גילדין אונ זאל אים צוא ריק אפ נעמען · מיין נייער פרינצעפאל האט זיך ניט גילאזט פיל בעטין · אונ האט מיך מיט גינומען קומענדיק אהיים האט ער שוין גיפונן

דיא



דיא ליכט אויס גיגאנגען עש האט מער ניט וויא אנאכט ליכט גיברענט דען זיין ווייב וואר אגרויסע הולנית · אבת מות · נון האט ער אפ גידאווענט קידוש גימאכט האט אפ גיגעסין אונ האט דיא ווייב קיין מעשה דער ציילט · אויף מארגין האט ער גיהאט דאש גליק דאש מען האט אים אן גיזאגט דאש זיין צעטיל האט גיוואונען צוויא טויזנד טאלער · נון וואר זיין פרייד זייער גרוים · נאך שבת האט ער דאש געלט אפ גענומען זעקס הונדערט דוקאטין אין גאלד אונ דאן וואר מיר שוין ניט אזו טרויעריג ביא אים אין שטוב דען איך האב גיהאט אגרויסע געזעלענשאפט · אונ בפרט עס ווארין אונטער זייא אצעהען שטיקליך כמעט מיין גלייכין ; אונ אלזוי האבין מיר אלע ביא אים יום טוב גיהאלטין באלד נאך פסח האט ער אונז קארטירט אונ האט אונזערע עלף קלים אדער בעשנימטענע בעזונדער אפ גלייגט · גינוג · האט ער גיזאגט · איך וויל שוין גאט נאך אמאל ניט פרווען איך שפּיל שוין ניט פון היינט מאל אין קארטין מיט דיא פינף הונדערט ניינציג גוטע דוקאטין , וועל איך גיין אויף טארגעם אונ דיא איבעריגע עלף זאלין ליגין : איך וועל זייא דארפין דוכט מיר אין קורצין האבין דאכט מיר דאש מיישטיק צרה דיא ווייב וועט שוין ניט פיל מישט אן מאכין ביא מיר אין שטוב · זיא וועט פאר גיווים אם ירצה השם בקרב דיא נשמה ראזען · נון דיא נבאים מיט דער זעלביגע מינצע מיט וועלכע זייא האבין מיר גיצאלט · איך וועל זייא אוועק געבין דיא צעהען רענדליך קלים · אונ זייער רענדיל וואש זיי האבין מיר געשיקט מוז גיציילט ווערין צום ערכטין :

דאך אבער דער מענטש טראכט אונ גאט לאכט · דען

דער

דער פסוק זאגט · רבות מחשבות בלב איש ועצת ה' היא תקום ·
דאש הייסט דער מענטש וואש האט אקראנקע פרויא האט
פערגעווים טויזענדע גידאנקען פון טויזענדערלייא שידוכים ·
אונ נאט מאכט גאר דאס זיא זאל גאר ווערין געזונט אונ אויף
שטיין· אונ אזו וואר דא כמעט אויך דען אן שטאדט דעם וואש
ער האט זיך געריכט טאג פאר טאג דאש זיא זאל שוין אם ירצה
השם גילעגין ווערין · האט זיא אן גיהייבין בעסער צו ווערין ·
אונ חוץ דעם איז גלאט גיוועזן פון אים איינע דומהיים צו רעכנען
פון אוייבם קראנקהייט אויף איר טויט דער שוטה האט גאר
פאר געסין דאס אאידענע האט טויזענד נשמות אין זיך · אונ
לעבט ביז דיא לעצטע מינוט וואס זיא שטארבט · אונ דאהער
איז דער אלטער. שפריך ווארט בייא דעם עולם דרייא זאכן טעג
סען אאידענע גלויבען דאש זיא זאגט אמת · ווען דער מאן
רופט איר עסין אונ זיא זאגט איך האב שוין גיגעסין · ווייל זיא
איז דאך פריהער אלם ער ביי דעם טעפיל אונ ביי דער שיסעל ·
אונ ווידער ווען זיא רופט איר אייגענע קינד ממזר טעג מען איר
אויך גלייבין דריטענס ווען זיא זאגט בשעת יציאת נשמה דאס
זיא איז נים גיזונט גיוועזן אדער זיא האט זיך גיקלאגט אונ
שטארבט טאקע באלד דארויף · קורץ דער פון אנאנץ זומער
וואר זיא אטאג קרוב למקת · אונ אטאג גאר נישט קשה · אטאג
פלעגט זיא צוא זאגין אט זיא שטארבט · אונ אטאג פלעגט זיא
צוא זאגין דאס זיא איז אפולע בעסער · אונ דייגקט זיך נאך
אמאדע צו מאכין · עם וואר אין איר קיין וואר ווארט נים ·
דיזע שגנים פון איר גיזונדהייט האט מען גיקענט לייענן דייטליך
אויף איר מאגם געזיכט · אין דעם טאג וואס זיא האט גיארבעט





מיט דיא זייטען אונ מיט דעם הארצין פלעגט ער שוין אוים
גרייזלען דיא פאות מיט דיא ציינער · אונ דיא היטעל איז אים
גיטעסין אין האלבין קאפ · אונ אין דעם טאג ווען זיא האט
אוים גיהויזין בעסער איז ער גיגאנגען וויא איין בעגראבענער ·
דעם קאפ אראפ גילאזין · דיא היטעל איבר דיא אויגען · דען
ער האט גיוואלט זיך נוקם זיין מיט זיינע רענדליך קלים אן די
נבאים · אונ אנב נעמן אנייע ווייב דיזר טרויעריגר פראצעם האט
אזו גידויערט אנאנץ זומער · אין וועלכין ער האט זייא גישמאק
פאר דינט אויף טארגעס · אונ אזו איז גיווארין אלול · נון איז
ער אוועק אין גרויסע שול האט זיך גידונגען איינע שטארט ·
האט אום ראש השנה גיקויפט זיך אשארפע עליה · נים אוים
פרומקייט · אויך נים אוים גאוה נור אום דאש ער זאל האבין
איינע גילעגענהייט דורך דעם אריין צו שפילען (אריין רוקען)
מיך ווידער אין דיא הענט פון צדקה גדולה · אונ האט אזו אום
ערב יום כפור אוים געקליבין מיך מיט עטליכע גלאטע גילדין
האט אונז איין געוויקעלט אין אפאפירעל אויף וועלכע ער האט
אויף גישריבין דיזע ווערטער קיין בעסערען ביטען זאלט איר
אין איערין גאנצען לעבין נישט האבין אונ האט אונז אזו ארויף
גילייגט דארטין אין שול צו מנחה אויף דעם טעלער וואש אויף
אים איז גילעגן אצעטל מיט דעם אויף שריפט בעד מקומות ובעד
עליות דען עם האט פון אים אין סך הכל גיקוסט פאר די ביידע
זאכין · פיר אונ צוואנציג גילדען · די נבאים האבין אונז באלד
אוים גיטאן · האבין איבר גילייענט וואס וואר גישריבין אויף
אונזער העמדיר · אונ האבין מיך באלד דער קאנט · נון איז
גיווארין דארטין אגאנצער טערטום · דען עם האט דיא נבאים

דארטין זייער פער דראסין · האבין מיך אוים גיוויזען יעדען בעזונדער · דער ביא דעם צעטעלע · יעדער האט איבער מיך דעם קאפ גישאקילט · מיט דיא ליפען געשמוצערט אונ דאש געזיכט פיקרימט אונ גימאכט דער צוא אגרויסען פים · דאש איך בין אזו פערשעמט גיווארין · דאס איך בין רויט גיווארין איבער דיא אויערין · ביז עס איז אונטער גיקומען צום טעלער עפעס אריינבער שניידער וואס האט בעצאלט נאר דיא געלט פאר הוצאות מיט הכנסות · האט מיך בעטראכטעט אויך מיט אביסטרין בליק · האט אויך גימאכט אגרייליכען פים · אונ האט דער צו גיזאגט אזוא איונגאץ איז ווערט דאש מען זאל אים קאנסטנען · אונ איז זיך אוועק גיגאנגין · קורץ דער פון עס האט יעדער דארטין גיזאגט איין אנדער שפריך איבער מיך · אונ דער צוא נאך אשפייא גיטאן מיר אין גיזיכט · מער וויא פון אלעמען האב איך דארטין גיליטין פון אגאנצע באנדע באר אינגלאך וואס זייען גישטאנען דארטין ארום טיש אום איין צו קוקען זיך אין דיא גיזיכטער פון דיא מענטשין וואש ווארפין אויף דיא טעלער · אונ וואש זייען זייער גישווינט אויף דעם נאנג צו ברייננען פאר דיא כלי קודש וואש זיצען ביא דיא טעלער · אהאלבע טעפעלע ביר · אהאלבע קווערטיל שנאפס · פירעסקעס · דען דיא באדיונגען · פלעגין מיך אלע ווילע אויפריען אוים גראבין פון אונטער דיא זילבער געלט וואס פלעגט אויף מיך אן גיווארפין ווערין · אונ פלעגען מיך דאוקא אנידער לייגין פון אויבין · אונ ווייזען יעדין רעכטין מענטשין אונ זאגין · אט דאש איז דער רענדיל וואס אפרים דער גייער נגיד האט אונטער גיווארפין דיא גבאים · וואס





זאל איך דיר זאגין מיינע טייערע לעזערין · איך בין פון ביוש שיר אום גיקומען · זאל זיך שוין אזו איין ערב יום כפור נית אום קערין · איך האב קוים דער לעבט דאש עש זאל שוין ווערין שפעט אונ דאן אלס אלע זייען אוועק אונ דיא נבאים האבין איבער גיציילט דאש געלט האבין זייא מיר אן גיטאן צו ריק מיין בעשריבענע העמדעלע אונ האבין מיך אפ גיגעבין צו דעם שמש דאש ער זאל פאר מיר קויפין איין קאהאלשין אתרוג · עש מעג שוין זיין וויא ער וויל זיך האב איך ביא זיך גיטראכט אבי איבער גיקומען · נור גינוג דאש האב איך שוין איין גיזעהען דאש ווייט אין דער וועלט ווער איך שוין קיין מאל קומען באלד נאך יום כפור איז דער שמש אוועק מיט מיר צו איין אתרוגים הענדלער אונ וויא איך וואר גאנץ קליין האט ער דאך איין גיהאנדילט פאר מיך אגאנץ גרויסין אתרוג וואש וואר אזו אהסר וויא איך באלד אפילו נאך דעם האבין זיך ביידע צדדים ארום גזעהען דאש עש איז מיט אונז נאר ניט גלאט מיך האט דער אתרוג הענדלער גיטראגין ווייזין דעם חלפין אונ דעם אתרוג האט דער שמש גיטראגין ווייזין דעם מורה הוראה אונ וויא ביידע האבין פון זיי ביידע קיינע גוטע תשובות גיהאט אונ דאך זייגען זייא ניט גילאפין אויך זוכין אייניר דעם אנדערין · וויל יעדערר פון זיי בעזונדר האט גיוואוסט וויא ווייט ער האט בעטראגן דעם אנדערין · אונ שטיל ·

(את חג הסוכות) דעם יום טוב סוכות האב איך פר בראכט אייניר אליין ביי דעם אתרוגים הענדלער וואש וואר איין אורח פון וואלינען אחסיד · ער האט סיך אפ גילייגט באזונדר וויל ער וואר ברעה צו פארין פון דאנען צו דעם רעבין אונ אריין

שפילן מיך צו אים אין דיא הענד אויף פדיון ׃ דאך אבר איז
מיר בעסערט גיוועזען צו בלייבין אהיגער דען איך האב מיך
אפ גישטעלט דא ביא איין זאגער פון אקלייזיל וואש וואר דר
צו אויך אדין ׃ דיא גישיכטע דער פון וואר אזו דיזר אתרוגים
הענדלער איז גיקומן אהער מיט זיינע אתרוגים פאר יום כפור
נאך אונ איז מיט זייא אריין גיפארין צו דעם גרעסטין בעל
אכסניא וואש מען האט אים גירופין ר' הערציל נעחעס ׃ ער
וואר אאיד אפיינע בעדייע ׃ מיט אראבאנישע אויף פירונג ׃
מיט אלאנגען מלבוש אונ מיט אלאנגע שמונה עשרה ׃ אונ על
פי רוב אמנחה גדולה אויך דער צו ׃ אונ דיזער שטאמטעק
האט אים זייער געפאסט ׃ דען ער איז גיוועזען איין אסאבע אמענש
מיט אבויך ׃ אונ אזו וואר זיין ווייב אויך אפול מענש ׃ ביידע
גוט איין געטיעט וויא גרויסע בעל אכסניות וואש זייען אימער
אליין דיא שילדען (זנאקעס) פון זייער יוכטען (פעטען) טיש ׃
צו דיזע מעלות וואר ער נאך אגרויסער בעל נאמנות אין
שטאדט אונ אזו אין דעם גאנצען געגענד דאש ר' הערציל
געחעס וואר אשם דבר דאש מען פלעגט אים אלע מאל צו
שיקין דיא גרעסטע קאמיסיאנען פון נאהינטין אונ פון ווייטין ׃
אונ אלע גרעסטע אורחים פלעגין צו אים פארין ׃ זעלבסט
יונגע לייט וואס זייען שוין פון גאר דער נייען וועלט ׃ אפילו
אזעלכע וואש מאבין שוין קיילע דעם מאגין פון אכשערין
ביסין ׃ דען וואס טוט מען ניט צו ליב דיא פרנסה ׃ דען
זיין אכסאניא וואר די גרעסטע פון שטאדט ׃ אונ יעדע רעכטע
סחורה וואר אהין גיבראכט אונ דארטין פאר קויפט ׃ נון פאר
שטייט זיך פון זיך זעלבסט דאס איין פרומער אורח מיט אפרומן

גישעפט



גישעפט וויא אונזער חסיד מיט די אתרוגים ׃ איז לא די וואס
ער האט דיא אכסניא ניט אויס גימידען ׃ ניין ער איז נאך
אין איר אריין גיפארין מיט אזו אהאסטיקייט וויא דער פויגעל
פליהט אריין אין דעם אפענעם מויל פון דעם קראקאדיל וואס
מאכט זיך פאר טויט אום אים אריין צו באקומען אונ צו דער
שלינגען אים ׃ דען אזו האט זיך דא אויס גיוויזען אויך מיט
דיזעם אתרוגים הענדלער ׃ דען וויא דער בעל אכסניא האט
גיזעהען דאש עס שטייט דא דעם חסיד צו פאר דינגען אשטיק
געלט חייל עש איז קיין אנדער אתרוגים הענדלער אונטער
גיקומען ׃ האט ער אין דער נאכט וואש אויף מארגען נאך יום
כפור גילאזט אים אריין רופין צו זיך אין קאבינעט ׃ אונ
האט אים גיוויזען אבריף וואס ער האט איצונד דער האלטין
פון נאך איין אתרוגים הענדלר וואש ער איז פון זיינע שטענדיגע
אורחים ׃ אין דיזעם בריף איז גיוועזען איינע אנפראגע צו דעם
בעל אכסניא פון אים צו לוינט עם אריין צו פארען אהער
אין שטאט מיט אתרוגים ׃ ער איז פון ראנען אפילו מער ניט
וויא דרייא מייל ׃ מען מוז אבער פאסירען דער מיט איבר דעם
גרענעץ פון דארף קאסטין פאסלענע ׃ אונ פאר לאנגט פון
אים אויף דער שטעלע איין אנטווארט ׃

(הסוחר שמע) דער אתרוגים הענדלר האט עש איבער
גיליינט אונ עס איז אים גיווארן פינסטער אין דיא אויגין ׃
אונ האט זיך אפ גירופין ׃ שלעכט איך בין שקאלעצעט ׃ אונ
וואש העלפט עס מיין פריינד ׃ האט אים ר' הערציל גיענטפערט
איך מוז דאך יענעם ענטפערין ׃ אונ וועל אים בוודאי הייסען
קומען דען ער וועט פאר דינען ׃ אונ איך אויך ׃ וואס איערע

פאר

פאה דינסטין איז נוגע ׃ האט זיך דער חסיד אפ גירופין ׃
וועט איר פון מיר געלוינט זיין אין דעם העכסטין גראד ׃ אונ
וואס מיינט איר מיר צו געבין ׃ האט אים דער ר׳ הערציל
ווייטער גיפרעגט ׃ ווייס איך אטאלער פופציג ׃ האט אים דר
חסיד גיענטפערט (שעמט אייך אין אייער ווייטין האלדז) האט
אים דער ר׳ הערציל גיענטפערט ׃ דאש איז מיר אויך געלט ׃
דאש איך זאל צו ליב אייך מפסיד זיין מיינעם איין אלטין
אורח וואש איך שער אים אלע יאר ׃ אונ אייך ווער ווייסט ציא
וועל איך אייך אמאל נאך ווידער זעהען ׃ ניין איך וויל קיין
געלט ׃ נור אשליש פרנסה ׃ גיט איר דרויף אהאנט איז גוט ׃
ווען ניט שרייב איך דאס יענער זאל קומען ׃ דער חסיד האט
זיך דער שראקין אונ האט אים גיגעבין אהאנט ׃ אונ דער ר׳
הערציל האט אים גיגעבין אהאנד דאש ער זאל שרייבין דאס
יענער זאל ניט קומען ׃ נון האט דער חסיד פערקויפט דיא
אתרוגים מיט גרויס פערדינסט אונ נאך יום טוב האט ער
דעם בעל אכסניא ניט אגראסין גיוואלט געבין דען ער האט
ביא זיך גיטראכט ׃ איך זעהע איין דאש ער וועט מיט מיר
גאר ניט קענען וואש מאכין ווייל ממה נפשך וועט ער מוזין
שטומען וואר דער בריף אפאלשער (הער איך אים גלאט וויא
דיא גראע קאפ) וואר ער איין אמת וועט ער דאך אויש
ווייזין וויא אגרויסער בעטריגער דען וויא שרייבסט דו אפאלשע
תשובה צוא דיינעם איין אורח וואש האט דעם גרעסטין צוא
שלייען צו דיר דר צו נאך איז דר חסיד באלד גיוואר גיווארין
פון אורחים וואש זיינען גיקומען פון אונטער דעם גרענעץ אונ
וואש האבין דארט יום כפור אונ סוכות גיהאלטין דאש דארטין

וואר



וואר גאר ניט איין אתרוגים הענדלער ׃ נון האט ער דאך שוין
דייטליך ארויס גיזעהען דאס דער בריף איז נור זיין אייגענע
ארבעט ׃ נון איז שוין דער תקיעת כף בטל ומבוטל ׃ אונ האט
(דעם בעל אכסניא אויש גישטעלט אפיינ) דער ר׳ הערציל אבר
האט אים ניקסט ארויס גיגעבין דעם פאס אונ האט אים מתרה
גיוועזן צו ב״ד דאך ניט אין ב״ד שטיבעל ׃ דען דש וואלט פר דעם ר׳
הערצלין ניט פאסין ׃ ניין ער האט אבית דין גיזעצט ביא זיך
אין זיין גאבינעט ׃ איינר אבר פון זייא וואס וואר אויך אזגער אין
אקלייזיל ׃ אונ וואס (וואר אגוטער סאחער מאכער ׃ אחריף ׃ איין
אפענער מוח) אונ איין אפענע האנד צו צו נעמען יעדע הוטרא אונ
יעדע קליינינקייט האט מיט אנאכט פריער דארטין אין קלייזיל
וואו ער וואר אזאגער באלד נאך מעריב גירעט מיט דעם אתרוגים
הענדלר וואש האט דארטין אויך גידאווינט אונ האט אים גיזאגט
איר ווייסט ר׳ ירוחם דאש איך בין מארגין אייער דיין ׃ אזו זאלט
איר גיזונד זיין ׃ האט זיך דר אתרוגים הענדלר צו אים אפ גירופין ׃
וויל איך אייך דאך טאקע איצט דער ציילין די מעשה דאמיט איר
זאלט טאקע דעם ענין זייער גוט פאר שטיין א האט זיך דער ביין
אפ גירופין מיט מיר דארפין מען ניט פיל ריידין ׃ איך בין שוין דעם
ענין קלאר ׃ אונ ווייס שוין אפילו דעם פסק אויך ׃ נור עס וועגט
זיך וויא איר וועט מיינען פאר מיר וועל איך אין אייער טענה פילין
אגוטין טעם וויא איך פאר שטייט אליין ׃ וועט איר בוודאי אגראסין
ניט דארפין אים געבין ׃ אונ ווען ניט פאר געס ניט מיט וועמען איר
האט דא צו טאן ׃ מיט ר׳ הערצלע נעחעם אהיגער באלעבאס
אפיינע בעריע אאיד אמפורסם ׃ איר וועט דא אן אהעמד ארוים

פאר

פאר שטייט איר מיך: אונ דער טאנט איך אן דעם אלטין גלייך
ווערטיל (ווען מען וויל ניט געבין יעקבין גיט מען עשוין) דר
אתרוגים הענדלער האט זייער גוט פאר שטאנען וואז היינדיגע רייד
צילין אונ האט גיזאגט: איך ווייס אפילו פון נאך אגלייך ווערטיל
(איין האנד וואשט די אנדערע האנד) נון איר האט בייא מיר ניין
טאלער: אונ דינט מיר וויא אגוטער פריינד: אונ דיזע זכיות
פון מיין טענה ווער איך שוין מארגין דארטין נאך פאר דר דין
תורה אין אייער האנד אליין איבר געבין: אונ אזוא איז גישעהען
ווירקליך: מארגין פאר נאכט זיינען דרייא דיינים צו זאמן גיקומן
צו דעם בעל אכסניא אין נאכט דאש הייסט נאך מנחה גדולה
אונ דר אתרוגים הענדלער האט דעם זאגער אריין גירוקט אין
האנד ניין טאלער אין גאלד: דאש הייסט צוויא דוקאטין מיט
קליין זילבער געלט: ער האט עס גימאכט זייער געשיקט: אונ
דער זאגער האט עס צו גינומען נאך פיל מעהר געשיקטער אלס
דער נותן: אונ האט עס אזו פלינק אריין גירוקט אין קעסענע
וויא איין געאיבטער (פלינקער) טאשין שפילער אונ איינר פון
דיא צוויא דוקאטין וואר מן הסתם איך ווער פאר שטייט דאס
ניט מיר ווארען אלע איין גיוויקילט אין אפאפירעל: נון האב איך
מיר אן גיהערט דארטין דיא טענות פון ביידע צדדים אונ דיא
פסקים: איך האב מיר צו קייכט לאבענדיק: נור ניט דא איז
דער ארט צו דר ציילין: אונ דארטין ערסט האב איך גימערקט דעם
פסק וואס דר נביא האט גיזאגט דאש הייסט ניט איינר קלאגט
אן דעם אנדערין פאר דעם גערעכט מיט רעכט: אונ דאהער ווערט
מען ניט גמשפט מיט רעכט: דאס ענדע איז גיוועזן דאס דער

בעל



בעל אכסניא האט פארט מוציא גווען זיינע עטליכע צעהענדליג
טאלער פון דעם אתרוגים הענדלער דען זאנסט וואלט דאך גלאט
ניט גיפאסט: דען ער וואלט דאך זאנסט ווירקליך אוים גיזעהן
עפעס חלילה וויא איין דייפן (פאלשער מענש): קורץ דער פון
דער אורח האט אוים געליטען דא אגאנצע אפארציע: מען האט
אים אוים גישניטען דיא וואונד מיט נאך אגיזונטע שטיק פלייש
דער צו דען צו דער דין תורה האט זיך צו געצעפעט באלד נאך
איינע אנדערע דין תורה: דען דער בעל אכסניא האט וואר
אויך אים זייער פאר דריסליך דאס ער האט אים גיוואלט מאכין
פאר אזייפן: האט ער באוויזען דער נאך דאס דיא אתרוגים
ווארן גאר אלע מורכבים וואש זייען על פי דין פון איין יש אומרים
גאר פסול: אונ דער אתרוג הענדלער האט דער פון גיוואוסט:
קורץ דער פון מען האט אים דארטין ארום גיצופט אונ ער האט
זיך פון דארט ארוים גיכאפט איין ארום גיסונדענער: אונ מיך
האט דער זאגער אוועק גיטראגין אהיים: נון האב איך שוין
פריער פאר שטאנען: דאס איך דארף זיך דארטין שוין אויך
אכבוד ניט ריכטין: דען קוים האט מיך אפ געוויקילט אונ האט
מיך דער זעהין איז ער גיווארין מלא חמה: האט מיך אווארך
גיטאן אויף דעם טיש: האט דעם אתרוגים הענדלר אוים גישאלטין
זיין גיבאין: נוא דאס איז איין עכטר בעטריגר איין אוים געמאכטר
גנב עס טרעפט זיך מיר דאס דעם ערסטין מאל אין מיינעם לעבין
דאס מען זאל מיך אזוי אפ נארין האט ער גיזאגט דר כלל עס
איז קיין ערליכקייט אין דער וועלט ניטא מען טאר פון היינט
אן קיינעם ניט גלויבין: אונ מארגין האט ער שוין גידרשנת דער
פון פאר שטעלטער הייט דארטין אין קלייזיל: דאש דוק:

אמעשה

אמעשה איז ער געכטין דער נאנגין וויא פאלש עס איז געווארין
דיא וועלט אין דיא צייטין · איך בין דאן גילעגין בייא אים אין
קעסענע · אונ האב גימוזט שווייגין · ווייל איך בין זייער קליין
אונ די רייד פון אקליינעם מענטשין איז ארויס גיווארפין · אונ דאך
האט ער מיך ניט ארויס גיווארפין אין גאס איך בין צו גיין גיקומען
אויך צו אזו אגוטין גישעפט וויא דר אתרוגים הענדלער האט
מיך באנוצט צו אים · זיינער איין איידים האט זיך אויס גלערינט
שחיטה נון האט ער גידארפט געבען קבלה · נון וואר דארטין אין
שטאדט אבר די מאדע · דאס דער יונגער שוחט וואש דארף
נעמען קבלה · האט גימוזט פריער געבין קבלה דעם וואס גיט
קבלה · נון האט מען מיך אהין אטפראוועט · אונ יענער האט
אויך אן גיגעבין איבער מיך מעשים · האט זיך גיווארפין גיקידעט
אלס ער האט מיך דער זעהען · אונ בין אפ גילעגין בייא אים
שיינע עטליכע וואכין · אונ ווער ווייסט וויא לאנג איך וואלט ביי
אים גיפוילט ווען עס וואלט זיך מיט מיר דארטין ניט גיטראפען
איינע שרעקליכע סבה · ווען ער האט מיר גוועסט נאר אוועק
גילייגט צו דעם נדן וואש ער וויל געבין זיין טאכטער אמזינקע
וואש וואר שווארץ וויא דיא נאכט · גרויס וויא דר אידעשער גלות
אונ אזו שטארק גיפאקט דאש איר גיזיכט האט אויס גיזעהן ווירקליך
וויא איין בית עולם וועט אויס זעהען נאך תחית המתים אלס די
מתים וועלין צו לייפין אונ די קברים וועלין בלייבין אפין · דער
צו וואר זיא שוין אזו אלט דאש די פראפעסארן האבין איר גיוואלט
אפ קויפין ביי דעם פאטער אום אריין צו שטעלין איר אין מוזעיים
(דאש איז הייזער גרויסע וואס דארטין ווערין אויס גישטעלט
אלע אלטע אונ פאר צייטיגע זאכין) נון פאר שטייט זיך שוין פון

זעלבסט



זעלבסט דאש אזעלכע האט שוין גיקאנט בלייבין זיצען · ביז גאט
וואלט שוין דארפין די וועלט איבר גיצעווין · אונ דר ווילע וואלט
איך דארפין דארטין פוילעקיאין אטובלין דומפיגין בייא פאך פון
אגרויסין קופערט · נון האט זיך גימאכט דאס דיזע שווארצע מאד
האט מיט אמאל אן גיהייבין צו ווערין געלער אונ געלער פון טאג
צו טאג ביז עס האט זיך ארויס גיוויזין אויף קלאר דאס זיא האט
געלזוכט דא האט מען צו איר גירופין גענע די הויכשפרעכערקע
האט זיא איר גיפירט אין מרחץ אונ גיריבין מיט טיילקעס · אויס
גיגאסין אויף איר קאפ בלייא · אונ האט איר גיהייסין האלטין
אין האנט שטענדיק ארענדיל אונ קוקין אויף אים נון ווער פר שטייט
ואם ניט דש מיט דיזעם כבוד האט מען מיך מכבד גיזעען · מען
האט מיך ארויס גינומען פון מיינעם טוכלען גיפיינקענים · מען
האט מיך ארום גיריבין אונ מען האט מיך אריין גיגעבין צוא די
יפת תואר אין האנד אונ זיא האט אן גיהייבין צוא קוקען אויף
מיך זייער קרום (דען זיא וואר קאסאקע) אונ האט זיך מיר גאר
ניט גיקענט אפ קוקין · אונ דאס וואר אוים צווייא אור זאכען
(סבות) ערסטענס ווייל זיא פלעגט אין דער וועלט צריין קוקין
נור מיט איין אויג · צווייטענס וואר איך זייער קליין · דאהער
נאך דעם ריכטיגין רעכענונג האט זיא גידארפט קוקין אויף מיך
פיר מאל אזו פיל אלס איינע אנדערע וואש האט געלזוכט אונ
קוקט אויף איין גרויסען רענדיל מיט צווייא אויגין · נון אזו האט
זיא פון מיר איר אויג ניט אראפ גילאזען גאנצע טעג · אונ דאך
בין איך פון אונטער אירע הענד פאר פאלין גיווארין · עס האט
מיך צו נעצופט דארטין דיא גענע די הויכשפרעכערקע וואס זיא
פלעגט צו איר קומען צווייא מאל אטאג וואש דארט וואר נאך

דעם

דעם דארטין אין שטוב וויל איך ניט דר ציילין׳ נור דאש קען איך
זאגין מיט שטאלץ דאש מען האט דארטין זייער גיבייניקט נאך מיר
גין וואר איך אין דער גענס קעסענע דיזע פרויא וואר איינע פון די
פרומסטע ווייבר פלעגט שטענדיג עוסק זיין אין מצוה זאבן זיא וואר
די ערשטע אונד לעצטע אין שול די ערשטע ביי יעדער ארענטליכע
לויה אונד פלעגט דאש רוב צייט פאר ברייניגן אויף דעם בית עולם
דען זיא וואר אויך איינע קאברענטס אונד האט דר פון גלעבט אויך
דען על פי רוב מאכן די קאברענטע דארט אויף דעם בית עולם פיל
בעסר אלס די קברנים ערסטינס העלפין זיי צו צוווייגען אויך אונד
צווייטענס טרעפט עס זייער אפט דאס אמאן בעפריידגט זייער גוט
די ווייבר וואש זיינן זיך עוסק ארום דר קבורה פון זיין ווייב אונד
מאכין עס פליניק דיזע גאנצע אבער וואר נאך דער צוא איינע
הויכשפרעכעקע פלעגט צוא פראוועזן סגולות אונד נאך אזעלכע
גישעפטין וויא דעם ר׳ שמאיעס דעם גוט יום טוב ביטערם ווייב אונד
פלעגט דר צו נאך זייער אפט אויך צו ראטן אין יענע הייזער וואו
מען פלעגט איר ניצין דען זיא וואר אגרויסע ווירטשין אונד האט ניט
גיקענט ליידין דאס אוואך ארעכטע זאל ליגין אויבין אויף פוליצעם
געמטגש איין אנדרר צו׃ נון אבר וואר איך אין איר קעסענע אויך
ניט לאנג אונד בין שיר דורך איר העכסט אומגליקליך גיווארן דען עס
וואר אויף מארגן איז עפעס גישטארבן איין אלטעצקע אידענע אגאנץ
פרומע נון האבן ביי איר לויה זייער פיל קיילעכס דען יעדער פון זיי
האט זיך גיוואלט דריויף דעם בית עולם נאך דר טהרה אויש שמירן
מיט איר האנד דען מען האלט עש פר אסגולה בפרט די וואש האבן
וואלים אויף די העלזר אדר די איינגילסע קריינק אין האנד אדר אין
אפום נון פר שטייט זיך דאש אזו אבר מען איז אגוטע שטיקל סחורה
דארטין



דארטין פר די קאברענטעס ויא טראגט זיי איין פיל מעהר אלס איינע
שניידערשע כלה דעם בדחן צו כשר טאנץ מיין גענע זאל לעבן וואר
דר ביי די קאסירערטע עס האט גמאכט שיינע עטליכע גילדן דאש
איך בין אין איר קעסענע גיווארן שיר דער שטיקס פון די מינצן וואש
זיא האט דארטין אן גישאטן אונד פון גרוים שמחה האט זיא זיך גאר
אן מיך פר געסין דר מארק וואר זייער גרוים דאש די קבורה האט
זיך פר צויגין ביז שפעט אין דר נאכט דר בר מנן איז שוין גילעגין
אין קבר מען האט שוין גיוואלט מיט די ברעטר באדעקין איז אונטר
גלאפן עפעס אאידענע אונד האט דר לאנגט די גענעק צוויי גילדן אונד
האט איר גבעטן דאס איין גילדן זאל זיא נעמען פר זיך מיט די אנדרע
קאברענטע אונד דעם צווייטין גילדין זאל זיא די אלטעצקע אין איר
האנד אריין לייגן אונד זאל איר בעטן אין איר נאמן דאש זיא זאל זיך
דארטין אן איר ניט פר געסין אונד גיט עס איר אויף אסימן דען אזו
וואר דארטין דר מנהג אונד וויא מיר דאכט וואר דא אויך אזו די גענע
אבר האט ארויס גילאזין ביידע גילדין צו זיך אין קעסענע אונד האט
גיוואלט ארויש נעמען אן שטאט דעם אגרעשל אום אין דר טויטענס
האנד אריין צו לייגן נון צו דעם שלים מזל האט זיך גמאכט דאס איך
בין ארויס גיפאלין אין איר האנד אונד האט מיך אזו אין דר פינסטר
אריין גילייגט אין דר קאלטע דארע האנד פון דר אלטעצקע אונד האט
עס פאר קוועטשט אונד האט אניידר גילייגט האט איך באלד גיבעטין
מחילה אונד דר צו דאש זיא זאל זיך ניט פר געסין אן יענע אידענע
וואש גיט איר איצטר דעם גילדין אויף אסימן אונד מען האט באלד
צו גידעקט מיט די ברעטער אונד פאר שאטין מיט אבארג ערד פון
הינדערט פוד׃ נוא מיינע טייערע קעזערין וואו נעם איך ווערטר
אום צו דר ציילין דיר וויא מיר וואר דאן אויף מיינעם הערצין קיין
באשעפענעש

בעשעפענס זאל ניפרובט ווערן צו אזו איין אומגליק צו באגראבן
ווערן לעבענדיגערהייט איך האב שוין גימיינט דאש איך בלייב
דארטן ליגן אויף אייביג נאך מער האט מיר אן גיהייבן צו שקרוכין
אלם די אלטעצקע האט זיך דארטן אביסל אפ גוואַרמט (דען אין
דר ערד איז זייער ווארים) אונ עס האט אן גהייבן מאנכע פולסן
צו קלאפן דען מען האט איר גמוזט אבנים צו זיך בעגראבן אונ פון
איר מויל איז ארויס אטיפר קרעכץ · נון וואר מיין שרעק אזו גרויס
דאש מיר האט זיך גידוכט דאש זיא וויל מיך ארויס לאזן פון האנד
אונ זאגט נאך דר צו אוי צו וואש האבין די רשעים ארײן גיליגט
אזו אשווערע זינד אין מיינר ריינע האנד עס פעלט מיר נאך מער
ניט וויא מיט אבעשנימענס רענדל צו שטעלן זיך פר דעם גרויסן
גירעכטן ריכטר דר צו נאך האב איך מיר גירעכנט אלע מינוט דאש
דר מלאך דומה וועט דא באלד קומן צו דיזר אלטענקע · נון וועל
איך דאך דא אויש זעהן וויא איין גנב וואש האט זיך בהאלטן אונטר
דר תליה · עס האט דר מארך אין מיינע ביינר גצטערט דאך דיזר
שרעק איז מיר באלד פר איבר גגאנגן דען איך האב מיך דר מאנט
דאש היינט איז נסין · נון וועלן מיר זיין פון דעם שרעקליכן איינגל
פאר שוינט נאך אוואך דריי ליגענדיק דארטן האב איך שוין גינוג
צייט גיהאט צו ברעכענען מיין וואונדרין אויף דר אויבר וועלט איך
האב זיך בקלאגט דאן בשעת איך בין גילעגין דארטין אויף דעם
טעלער אום ערב יום כפור · עס האט מיך פר דראסן וואש אפריים
דר גייער גגיד האט מיך אויף דר ערד גוואָרפן א זויא גליקליך וואָרן
יענע צייטן בעגין דיזר פינסטערע צייט וואש נור איין וואונדר קען
מיך רעטירן דאש הייסט דר שופר של משיח אונ דאש אויך שיידן
אין קורצין דען זאנסט וועט מיך די ערד אויף פרעסן טרויעריגר

אונ



אונד קלגליכר האט שוין יונה ניט גקענט שרייען צו גאט דייענדיק
אין דעם בויך פון דעם פיש דארטן אין דעם טיפן אפ גרונד פון ים :
(שועתי) איך האב גשריען אונ גאט האט מיין שטימע דר
הערט דען אין דר וועלבינע נאכט האט זיך די גאנצע ארום גיזעהען
וואש פר אשרעקליכן טעות זיא האט גהאט אונ האט גשיינקט דעם
פאטצניק פון דעם גרעבר אצווייע גילדענע דאש ער זאל ביי נאכט
ארום צווייי דעם זייגר אויף גראבין דעם קבר אונ ארויס נעמן מיך
קוים האב איך דר הערט דעם אויף גראבין האט מיר אן גהייבן צו
ווערן אפילע לייכטר אויף דעם הערצן ביי יעדר רידיל ערד וואש
מען האט אראפ גינומן פון קבר איז מיר צו גקומן אשטיק לעבן אונ
וואש דייטליכר איך האב דר הערט דעם שאשק פון דר רידיל איז
אלץ איין העלערר שטראל פון האפענונג איין גידרונגין צו מיר אין
דעם פינסטערן קבר אונ אלזוי האט מען אויף גימאכט דיא ברעטר
אונ איך האב דר זעהן ווידר די וועלט עס וואר נאך נאכט פינסטר
אונ דונקיל דאך וואר עס העל אונ ליכטיג בעגך דעם פינסטערין
קבר אונ האב גקענט דייטליך זעהן די גאנצע וויא זיא שטייט לעבן
דעם קבר אונ דעם גרעברס בחור שטייט מיט ביידע פיס אויף די
ביידע זייטן פון ארון · האט זיך איין גבויגין האט אויף גמאכט איר
רעכטע האנד אונ האט מיך ניט דר ווישט דען איך בין וויא איך האב
פריהער גזאגט ארויס גפאלן פון דארטן נון האט ער מיך גזוכט דר
ביי אונ האט מיך גפונן דען ער וואר שוין אין דיזע זאכן גיניט אונ
האט מיך גשווינט ארײן גלייגט צו זיך אין קעסענע אונ אן שטארט
מיך האט ער איר דר לאנגט די גאנצע אגראסן וואש ער האט שוין
ביי זיך גיהאלטין אן גיטרייט דר צו ביי זיך אין מויל אונ האט איר
גיזאגט נאט אייך דאש האב איך ביי איר פון האנד ארויס גינומן ·
נון וואר דיא גאנצע העכסט דער פרייט דאש זיא האט איר רענדיל

ווערד באקומן דען זיא האט גיט גיוואוכט פון דעם גאנצין בעמר"ג
ערכטענס ווייל עס וואר זייער פינסטער אונ צווייטענס האט זיא
שוין אזו אויך קנאפ גיזעהן אונ אלזוי האט מען מיט די ברעטער
ווידר צו גידעקט דעם קבר אונ פר שאטן אונ מען איז זיך אוועק אויך
די זעלבע געגערטר וואו זיי האבן זיך גלייגט אין תחלת הלילה :

נון וואס דארטן וואר אין דר פריא ביי דר גענן אלס זיא
האט זיך ארום גיזעהן דאס זיא האט נור אגרסין דר פון קען איך
אוואָרט ניט דר ציילן איך קען מער ניט זאגן וואס דר קברות
בחור האט מיט מיר גיטאן קיין גוטס זאל ער ניט האבן דיזער
יונגאץ ער האט מיך ארום גנומן פון איין אונגליק אונ האט מיך
גיבראכט אין איין אנדרין אומגליק אוי מיך שוידערט אלס איך
דר מאן מיך אן דיזעם אונ קען זיך נאך ניט אפ ראגקן אונ אפ
קויבן דעם בשעפר פר זיינע נסים וואס ער האט גטאן מיט מיר
דיזעם מאל אויך דר יונגאץ האט זיך ניט גיהאט מיט איר וואו
אהין צו טאן דען ער האט דאך פחד גיהאט דאס גענע זאל ניט
גיוואר ווערין דאס דר רענדיל איז פארט ביי אים דען אזו האט
זיא אלץ גימיינט דאס זיא האט ווירקליך נור אגראסין אריין
גילייגט ביי דר אלמעצקע אין האנד אונ דר רענדיל איז גלאט
פערלארין גיגאנגן האט ער מיר אוועק גיטראגן וואו מען טראגט
אוועק אלע אויסגעגראבענע טויטע קערפר אין דאס הויז פון דר
אנאטאמי דאך מיין איך ניט אין דאס הויז וואו מען צוא
גלידערט די טויטע מענשן זיין דארט וואלט מיך גראדע גוועזן
אגוטער נאכט אונ איך וואלט מיך נאר ניט געקימערט זיין ·
זיין ער האט גיבראכט אין דאס הויז וואו מען אנאטאמירט (צו
שניידעט) אלער האנד מטבעות · דאס הייסט ער האט מיך
גיבראכט צו זיינם אבקאנטין אגאלד שמיד ניט זעהן זאל מען



עס וואס דארט האט זיך גטאן אנוואהרע יאטקע עס זיינן גילעגן
צו שניטענע מאלער האלב געשמאלציגע דוקאטין צו האקטע
לאדארען צוא שמארצענע אימפעריאלען אונ פילע זיינען נאך
גילעגן אין אשאכטעל גאך גאר אין גאנצין אונ פעראורמיילט
(פערמישפט) געבעך צום ברענען זייא וואָרן פערצאגט אונ
פערזארגט דען זיי האבן שוין נעבעך גיוואוכט זייער דערקרעט
אונ האבין זיך אלע ווייליע שוין גירירכט לעבעדקערהייט
געלייטערט צו ווערין אין פייער דאס איז וואס שרעקליכעס ·
נון מיך האט מען אויך אהין אוועק גילייגט · נון פערשטייט זיך דאס
איך האב מיך שוין אויף בבערם ניט גירירכט אונ מיינע אויגן האבין
אגאנצין טאג ניט געטריקענט דען איך האב דאך שוין גמיינט דאס
מיט מיר וועט מען דא מאכן דעם אן הייב ווייא אוכעטום :
14 (ויהי לעת ערב) אונ עס וואר אנטקעגין אוועבד אלס אין שטוב
שוין שטיל גווארין האט דר גאלד שמיד אויך גמאכט די שאכטל אונ
האט מיך טאקע דעם ערכטין ארויף גינומן אויף אוואג שעלכיל ·
נון קוים האט ער ארויף גווארפן די וואג אנטקעגן האב איך גטאן
אשוס אין דר הייך דאש איך וואלט אין דעם זיבענטין היכל אריין
ווען דר גאלד שמיד וואלט מיר ניט דר האכט אונ דאש גראד וואר
מיר צום הייל (צום גליק) יודי"ף האט ער אנשרייא גטאן דיזער
טויג ניט צו שמעלצן אים זאלכטו אין בעבר איין זעצן אונטר
יענע וואס גייען ארום ראנד · נון האט מיר יענער גיהאפט אונ
האט מיט מיר עפעס גיבראוועט אפאר שטונדין אונ ארום עלף
דעם זייגר ביי נאכט וואָרן שוין אונזערע זעקס קלים איינגפאכט
אין איין זילבערנם גרויסן בעכה (באקאל) אונ אויף מארגן האט
ער אים אוועק גטראגן צו אגרויסן גביר וואס האט אים גילאזט
מאכן אונ וואס האט דר צו גיגעבן זעקס רענדלאך שווערע אונ